ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# עין יעקב

על מסכת

# ראש השנה

בלשון הקודש
ואידיש

**208**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# ספר
# עין יעקב
# מסכת ראש השנה

כולל כל האגדות מתלמוד בבלי וירושלמי,
הנמצאות במסכת ראש השנה

עם פירוש רש"י בשלמותו והחדושים שנתוספו בו,
ככל הנמצא בספר עין יעקב הגדול.
גם איזה מאמרים מתוספות מהרש"א, הרי"ף, ועיון יעקב.
גם ציוני הדפוס בש"ס, וציוני המקראות בתנ"ך, והגהות הב"ח.
ונוסף על זה פירוש עברי טייטש הנהוג במדינתנו.
נעתק על ידי ה"ר יוסף מאיר יעב"ץ
מעתיק המשניות עברי טייטש.

הוצאת אמונה,
ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ"ו לפ"ק

# ארבעה ראשי שנים פרק ראשון

(ד׳ ג ע"ב) **א כי** נח נפשיה דאהרן אבתי הוה סיחוי קיים דכתיב (במדבר כא) **וישמע** הכנעני מלך ערד מה שמועה שמע [שמע] שמת אהרן ונסתלקו ענני כבוד כסבור נתנה רשות להלחם עם ישראל והיינו דכתיב (שם כ) **ויראו** כל העדה כי גוע אהרן ואמר רבי אבהו אל תקרי ויראו אלא וייראו כדר"ל דאמר ר"ל כי משמש בארבעה לשונות אי דילמא אלא דהא כי דמי התם כנען הכא סיחון תנא **הוא** סיחון הוא ערד הוא כנען סיחון שדומה לסייח במדבר כנען על שם מלכותו ומה שמו **ערד** שמו א"ד ערד שדומה לערוד במדבר כנען על שם מלכותו ומה שמו סיחון שמו:

חנה וויילחו. נתגלו: וכדר"ל. כי גוע נתיבת סמכ שוה לדבר שלפניו נתגלו כסדה לפי פגוע להכן שלשון כי כד׳ לשונות משמש וכו׳: סייח. עיר בן סוס: ערוד. חמור סבר:

(ד׳ ג ע"ב) **ב תניא** דברים שאמר חנני לנחמיה בכסליו אמרן נחמיה למלך בניסן. דברים שאמר חנני לנחמיה בכסליו שנאמר (נחמיה א) דברי נחמיה בן חכליה וגו׳ ויבוא חנני אחד מאחי הוא ואנשים כיהודה ואשאלם על היהודים הפליטה אשר נשארו מן השבי ועל ירושלים ויאמרו לי הנשארים אשר נשארו מן השבי שם במדינה ברעה גדולה

---

## פרק ראשון

**א כי**. ווען אהרן איז געשטארבען האט נאך סיחון געלעבט. ווארום עס שטייט אין פסוק וישמע הכנעני מלך ערד. דער כנעני וואס ער איז דער מלך פון ערד האט געהערט. וואס האט ער געהערט. ער האט געהערט אז אהרן איז געשטארבען. און די וואלקענס וואס זענען געווען ארום די יודין זענען אפ געטאהן געווארין. האט ער געמיינט אז מען מעג שוין מלחמה האלטען מיט די יודין. דאס איז וואס עס שטייט אין פסוק ויראו כל העדה כי גוע אהרן. האט רבי אבהו געזאגט זאלסט ניט לייענען ויראו. זייא האבען געזעהן. נאר זאלסט לייענען וייראו. די זענען געיעהן געווארין. אזוי ווי ריש לקיש האט געזאגט אז דער ווארט כי האט פיר טייטשין. אויב. טאמער. נאר. ווארום. און דער ווארט כי פון דעם פסוק איז טייטש ווארום. זאגט אזוי דער פסוק די יודין זענען געזעהן געווארין. ווייל די וואלקענס וואס זענען געווען ארום זיי און האבען זיי פאר שטעלט ביז איצט. זענען אפ געטאהן געווארין. פאר וואס זענען זייא אפ געטאהן געווארין. ווארום אהרן איז געשטארבען. און די וואלקענס זענען געווען אין דעם זכות פון אהרן. פרעגט די גמרא מיר שמועסין פון סיחון. ברייננגסטו פון כנען. ענטפערט די גמרא מיר האבען געלערנט סיחון און ערד און כנען דאס איז איין מענטש. מען האט איהם גערופין סיחון ווייל ער איז געווען אזוי ווי א סייח וואס איז א יונגער אייזיל וואס אין דער מדבר. כנען האט מען איהם גערופען ווייל די מלוכה האט געהייסען כנען. און זיין ריכטיגער נאמען איז געווען ערד. אנדערע זאגען אזוי איז געווען. מען האט איהם גערופען ערד ווייל ער איז געווען אזוי ווי א ערוד א ווילדער אייזיל וואס אין דער מדבר. כנען האט מען איהם גערופען ווייל די מלוכה האט געהייסען כנען. און זיין ריכטיגער נאמען איז געווען סיחון:

**ב תניא**. מיר האבען געלערנט די רייד וואס חנני האט געזאגט צו נחמיה אין חודש כסלו. האט דאס נחמיה געזאגט צום מלך אין חודש ניסן. וואס זענען געווען די רייד וואס חנני האט געזאגט צו נחמיה אין חודש כסלו. ווארום עס שטייט אין פסוק דאס זענען די רייד פון נחמיה בן חכליה. עס איז געקומען צו מיר חנני איינער פון מיינע ברידער מיט נאך מענטשין פון יהודה. האב איך זיי געפרעגט אויף די ביסעל יודען וואס זענען געבליבען פון די געפאנגענע. און אויף ירושלים. האבען זיי געזאגט צו מיר די יודען וואס זענען געבליבען פון די געפאנגענע איז זיי דארט אין די מדינה זייער שלעכט און זיי זענען צו שאנד ביי די פעלקער. און דיא מויער פון ירושלים איז צו בראכן און דיא טויערן זענען פאר ברענט געווארין אין

גדולה ובחרפה וחומת ירושלים מפורצת ושעריה נצתו באש. אמרו נחמיה למלך בניסן שנאמר (נח ב) ויהי בחודש ניסן שנת עשרים לארתחשסתא המלך יין לפניו ואשא את היין ואתנה למלך ולא הייתי רע לפניו ויאמר לי המלך מדוע פניך רעים ואתה אינך חולה אין זה כי אם רוע לב ואירא הרבה מאד ואומר למלך המלך לעולם יחיה מדוע לא ירעו פני אשר העיר בית קברות אבותי חרבה ושעריה אכלו באש ויאמר לי המלך על מה זה אתה מבקש ואתפלל אל אלהי השמים ואומר למלך אם על המלך טוב ואם ייטב עבדך לפניך וכו':

כורש מלך כשר היה. כלומר על זה שהיה כשר קראוהו כורש ושמו מעיד עליו לפיכך מנו לו כמלכי ישראל מניסן ולא כמלכי אה"ע מתשרי: כשהחמיץ. נעשה רשע כשעלה עזרא ככר החמיץ: ומי החמיץ. כשעלה עזרא: והכתיב. כשנתן רשות לעזרא לפתוח שהיו לו בארץ יהודה: ומה חשחן. כל מה שיחפצו הכהנים תנו להם תמיד: מטונך. ממלך בכהנת להטיל עליו להשיבנו אפי מפיכך משובס ולאס מה כתיב בה די לנוון וגו'

ג אמר רבי אבהו כורש מלך כשר היה לפיכך מנו לו כמלכי ישראל מתקיף לה רב יוסף אם כן קשי קראי אהדדי דכתיב (עזרא ו) ושציא ביתא דנא עד יום תלתא לירח אדר די היא שנת שית וגו' (כוונת הקישיא להוכיח מן הכתוב כי כשעלה עזרא מנה לו מתשרי כמלכי אוה"ע). [א"ר יצחק] ל"ק כאן קודם שהחמיץ כאן לאחר שהחמיץ. מתקיף לה רב כהנא ומי החמיץ והכתיב (שם ו) ומה חשחן ובני תורין ודכרין ואימרין לעלוון לאלה שמיא חינטין מלח חמר ומשח כמאמר כהניא די בירושלים להוי מתיהב להום יום ביום די לא שלו א"ל ר' יצחק [ר'] מטונך די להוון מהקרבין ניחוחין לאלה שמיא ומצלין לחיי מלכא ובנוהי ומאן

---

פייער. די רייד הט נחמיה גיזאגט צום מלך אין ניסן. ווארום עס שטייט אין פסוק עס איז גיוועזן אין חודש ניסן דעם צוואנציגסטען יאהר צו דעם מלך ארתחשסתא. הט מען גדארפט ברייננען פר איהם ווין. האב איך גיטראגין די ווין און האב גיגעבין צום מלך. און איך בין נים גיוועזן שלעכט פר איהם. הט דער מלך צו מיר גזאגט ווארום זעהט אוים דיין פנים שלעכט דו ביסט דאך נים קראנק. עס איז ניט אנדערש נאר דיין הארץ איז שלעכט אויף מיר. הט נחמיה גיזאגט איך האב זייער שטארק מורא גיהאט. און איך האב גיזאגט צום מלך דער מלך זאל אייביג לעבין ווארום זאל מיין פנים ניט שלעכט אוים זעהין אז די שטאט וו מיינע עלטערין זענען באגראבין איז וויסט און אירע טויערין זענען פר ברענט גיווארין אין פייער. הט דער מלך צו מיר גיזאגט וואס פר לאנגסטו. דער ווייל האב איך אין הארצין גיבעטין צו גאט. און איך האב גיזאגט צום מלך אויב עס וועט דעם מלך גוט גיפעלין. און אויב דיין קנעכט איז דיר גוט גיפעלין זאלסטו מיר לאזין גיין אין ירושלים:

ג אמר. רבי אבהו הט גזאגט כורש איז גוועזן א פרומער מלך דריבער ציילט מען איהם אזוי וויא די יודישע מלכים. פון דעם חודש ניסן. הט רב יוסף גיפרעגט אויב אזוי איז דאך א קשיא פון איין פסוק אויף דעם אנדערין. ווארום אין פסוק שטייט דעם דריטען טאג אין חודש אדר וואס דאס איז דער זעקסטער יאהר ווי דריוש איז גיווארין א מלך. הט מען גיענדיגט באהען דעם בית המקדש ופון דעם פסוק לערונט מען אין די גמרא אז מען האט גיציילט די מלוכה פון כורש צום חודש תשרי אזוי ווי די מלכים פון די אומות. האט רבי יצחק גזאגט עס איז ניט קיין קשיא איידער כורש איז זאער גיווארין ווער איז פרום גיוועזן. האט מען איהם גיציילט וויא די יודישע מלכים. פון חודש ניסן. אבער דער נאך ווי ער איז זאער גיווארין ווער איז גיווארין ארשע האט מען אים גיציילט פון חודש תשרי אזוי ווי די מלכים פון די אומות. האט רב כהנא גיפרעגט איז דען כורש גיווארין ארשע. עס שטייט דאך אין פסוק וואס די יודין ווילען טויבען באראנעם און שעפסין מקריב צו זיין עולות צו דעם גאט פון הימעל. ווייץ. זאלץ. ווין. אייל. אזוי ווי די כהנים פון ירושלים וועלין זאגען זאל מען זיי געבין אלע טאג עס זאל נים פעלין. איז ער דאך גיוועזן פרום. האט רבי יצחק גזאגט פון דעם פסוק זעהט מען אז ער איז נים גיוועזן פרום. ווארום ער האט גזאגט מען זאל מקריב זיין קרבנות צו דעם גאט פון

ה מעל

ומאן דעביד הכי לאו מעליותא היא והתניא האומר (תנו) סלע זה (לפלוני) לצדקה בשביל שיחיה בני ובשביל שאזכה לחיי העולם הבא הרי זה צדיק גמור לא קשיא כאן בישראל כאן באה"ע ואי בעית אימא מנא לן דאחמיץ מהכא נדבכין די אבן גלל תלתא ונדבך די אעא חדת וגו' למה ליה למעבד הכי סבר אי מרדו בי יהודאי איקלייה בנורא אמו שלמה לא עבד הכי והכתיב (עזרא ו) שלשה טורי גזית וטור כרותות ארזים שלמה עבד מלמעלה ואיהו עבד מלמטה שלמה שקעיה בבנינא ואיהו לא שקעיה בבנינא (ואב"א) שלמה סדייה בסידא איהו לא סדייה בסידא (אמר רב יצחק) אמר רב יוסף ואי תימא ר' יצחק (ואי תימא רב נחמן) מנא לן דאחמיץ מהכא (נחמיה ב) ויאמר לי המלך והשגל יושבת אצלו מאי שגל אמר (רבא) [רבה] בר לימא משמיה דרב כלבתא אלא מעתה הא דכתיב (דניאל ה) ועל מרא שמיא התרוממת ולמאניא די ביתיה היתיו קדמך ואנת ורברבניך שגלתך ולחנתך חמרא שתין בהון ואי שגל כלבתא הוא כלבתא בת שתיא חמרא היא א"ל הא לא קשיא

זמגלין נחיי מלכה למדת שלא לשם שמים עכ"כ כי אם להנאתו : הרי זה לדיק גמור . אם רגיל בכך : כאן בישראל . (לכם) [דלבו] לשמים ואם מריעין לו בחייו אינו קורא (לו) תגר אלא תולה בעונו אבל עכו"ם אם אין (מטיבין) [מטיבין] לו במולו קורא הגר : נדבכין די אבן גלל . בכתב אשלה כיד עזרא כתב כן כן שורות של אבני שיש פנים בחומות הבית ושורה רביעית של עץ : כלבתא. נמשכב וכני נא מוזכרין עליה שנאמר והיו לבשר

---

היטעל אונ מען זאל בעטין פאר דעם ריבין פון מלך אונ זיינע קינדער . האט ער דאך ניט גימיינט צו מאכן אמצוה . נאר ער הט גימיינט זיין טובה . ער מיט זיינע קינדער זאלען לאנג לעבין . פרעגט די גמרא אונ דער וואס טוהט אזוי איז ניט גוט . מיר האבען דאך גילערנט אז איינער זאגט איך גיב דעם טאלער אויף צדקה פון וועגן מיין קינד זאל לעבין . אדער ער זאגט איך גיב אטאלער אויף צדקה איך זאל האבען עולם הבא . איז ער אריכטיגער צדיק . זאגט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא . אז איד זאגט אזוי איז ער אצדיק . ווארום אפילו דער קינד ווערט ניט לעבין . וועט ער ניט חרטה האבען פון זיין צדקה . ער וועט זאגען געווים בין איך ניט ווערט דאס קינד זאל לעבין : אבער אגוי אז עס וועט נאר ניט גיטאהן ווערין ווי ער האט גיוואלט . וועט ער באלד חרטה האבען פון זיין צדקה . זאגט דיא גמרא אונ אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין פון דאנען ווייסען מיר אז כורש איז גיווארין ארשע . ווארום ער הט גיהייסען מען זאל באהען דעם בית המקדש דריי ציילען מארמער שטיין אונ איין צייל האלץ . פאר וואס האט ער גיהייסען באהען מיט האלץ . ווייל ער האט גיטראכט טאמער ווערלין דיא יודען ניט זיין אונטערטעניג צו מיר וועל איך פאר ברענגען דעם בית המקדש . פרעגט די גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז כורש הט אזוי גיטראכט . שלמה המלך האט דאך אויך אזו גיבאהט דעם בית המקדש . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דריי ציילען גיהאקטע שטיינער אונ איין צייל געשניטענע ברעטער פון טענען האלץ . זאגט די גמרא שלמה האט גיבאהט די ברעטער פון הויבין . אונ כורש האט גימאכט די ברעטער פון אונטען . שלמה האט דיא ברעטער אריין גיזעצט אין די מאהער . אונ כורש האט ניט אריין גיזעצט די ברעטער אין דיא מאהער . שלמה האט בקלעבט די ברעטער מיט וואפנע . אונ כורש האט ניט בקלעבט די ברעטער מיט וואפנע . געוויס האט ער גימיינט אז ער וועט אין כעס זיין אויף די יודין זאל ער קענען אן צינדען די אונטערשטע ברעטער וועט איין פאלען דער בית המקדש . רב יוסף האט גזאגט אונ אנדערע זאגין רבי יצחק האט גזאגט פון דאנען ווייסען מיר אז כורש איז גיווארין ארשע . נחמיה הט גזאגט דער מלך האט צו מיר גזאגט אונ די שגל איז גיזעסין נעבין איהם . וואס איז שגל . הט רבה בר לימא גזאגט פון רבם וועגין שגל איז אהונט . אונ כורש האט מזנה גיוועזן מיט דעם הונט . פרעגט די גמרא ווי אזוי קענסטו זאגען אז שגל איז אהונט עס שטייט דאך אין פסוק דניאל הט גזאגט צו בלשאצר אונ אויף דעם גאט פון הימעל האסטו דיך דער הויבין . אונ די כלים פון בית המקדש האט מען גיבראכט פאר דיר . אונ דוא אונ דיינע גרויסע לייט שגלתך ולחנתך האבען גיטרונקען וויין אין די כלים . אויב דוא וועסט זאגען שגל איז אהונט . טרינקט דען

אהונט

קשיא דכלפי לה ושה"א אלא מעתה דכתיב (תהלים מה) בנות מלכים ביקרותיך נצבה שגל לימינך בכתם אופיר ואי שגל כלבתא היא מאי כא מכשר להו נביא לישראל הכי קאמר בשכר שחביבה הורה לישראל כשגל זו לעכו"ם זכו לכתם אופיר ואי בעית אימא לעולם שגל מלכתא היא (ורבא) [ורבה] בר לימא גמרא גמיר לה ואמאי קרי לה שגל שהיתה חביבה עליו כשגל אי נמי שהושיבה במקום שגל :

(ד' ס ע"ב) **ד תנו** רבנן (דברים כג) כי תדור נדר אין לי אלא נדר נדבה מנין נאמר כאן נדר ונאמר להלן (ויקרא ז) ואם נדר או נדבה מה להלן נדבה עמו אף כאן נדבה עמו :

(דף ו) **ה תנו** רבנן (דברים כג) מוצא שפתיך זו מצות עשה תשמור זו מצות לא תעשה ועשית אזהרה לב"ד שיעשוך כאשר נדרת זה נדר לה' אלהיך אלו חטאות ואשמות עולות ושלמים נדבה כמשמעה אשר דברת אלו קדשי בדק הבית בפיך

אחר ימאו בהמה ותיב שאין נעשין בשר אחד כלין יונקין מן האדם : בנות מלכים ביקרותיך. מיקרום הוקן לעתיד לבא : לעולם שגל. דמלכתא מלכתא היא : (ורבא) [ורבה] בר לימא. לאוי שגל דהכא גמרא גמיר לה מן רביה דמלכתא הוא :

נדר. הרי עלי : נדבה. הרי זו : נאמר להלן נדר. ואם נדר או נדבה וגו' :

מוצא שפתיך זו מצות עשה. דמשמעה הכי אמר קרא מוצא שפתיך קיים : תשמור זו מצות לא תעשה. שלא תאחר כדרבי אבין אמר רבי אילעאי כל מקום שנאמר השמר פן ואל וכו' : ועשית. על כרחך מכאן אזהרה לב"ד לכוף : לה' אלהיך. קרא יתירא הוא ודרשא לרבות דבר

---

אהונט וויין. זאגט די גמרא דאס איז ניט קיין קשיא. מען לערונט דעם הונט טרינקען וויין טרינקט ער וויין. נאר פון דאגעגן איז א קשיא עס שטייט אין פסוק די טעכטער פון די קיניגען וועלין דיך טייער האלטען. די שגל וועט שטיין ביי דיין רעכטע זייט געצירט אין גאלד פון אופיר. אויב שגל איז אהונט ווייסען מיר דאך ניט וואס דער נביא זאגט צו די יודין. זאגט די גמרא אזוי זאגט דער נביא. ווייל די תורה איז געליבט ביי דיא יודין אזוי וויא אהונט איז געליבט ביי דעם גוי. דריבער וועלין זיי זוכה זיין צו גיין געצירט אין גאלד פון אופיר. זאגט די גמרא אונ אויב דוא ווילסט וועל איך דיר אזוי זאגין. אין גאנץ תורה נביאים כתובים וואו עס שטייט שגל מיינט מען אקיניגען. נאר רבה בר לימא האט גילערונט אז דער ווארט שגל וואס דא שטייט ביי כורש מיינט מען אהונט. פאר וואס האט נחמיה גירופען דעם הונט שגל. ווייל דער הונט איז ביי כורש גיוועזן ליב אזוי ווי די שגל (ווי די מלכה). אדער ווייל דער הונט איז גיזעסין אויף דעם ארט וואו דיא מלכה זיצט. דריבער הט נחמיה גירופען דעם הונט שגל :

**ד** תנו רבנן. די רבנן האבען גילערונט עס שטייט אין פסוק אז דו וועסט טאהן אנדר זאלסטו באלד בצאהלין. ווייס איך נאר אז אנדר דארף מען באלד בצאהלין. פון וואנען ווייסען מיר אז אנדבה דארף מען אויך באלד בצאהלין. זאגט די גמרא אין דעם פסוק שטייט כי תדור נדר. אונ אין איין אנדער פסוק שטייט ואם נדר או נדבה. אזוי ווי אין דעם פסוק איז נדבה מיט נדר גלייך. אזוי דא איז אויך נדר מיט נדבה גלייך. אזוי ווי אנדר מוז מען באלד בצאהלין אזוי אנדבה מוז מען אויך באלד בצאהלין :

**ה** תנו רבנן. די רבנן האבען גילערונט עס שטייט אין פסוק מוצא שפתיך. וואס דיין מויל רעט ארויס. זאלסטו טאהן. דאס איז אמצות עשה: אז אמענטש זאל מקיים זיין זיינע רייד. תשמור איז אמצות לא תעשה. דו זאלסט היטען ניט אנדערש צו טאהן נאר אזוי ויא דו האסט גירעט. ועשית. דו מוזט טאהן. די תורה זאגט אן צו בית דין זייא זאלען נייטין דעם מענטש ער זאל מקיים זיין וואס ער האט גירעט. כאשר נדרת. אזוי וויא דוא האסט גיטאהן אנדר. וואס דער נדר איז גיוועזן אונ צו וועמען ער איז גיוועזן מוז מען איהם אלץ מקיים זיין ואויב דער נדר איז נאר ניט גיוועזן צו טאהן אעבירה. לה' אלהיך. וואס עס איז צו גאט. דאס מיינט מען אלץ וואס דער מענטש איז שולדיג צו גאט: אפילו ניט קיין נדר. נאר חטאות אונ אשמות אונ עולות אונ שלמים וואס מען מוז ברייננען. מוזען איהם בית דין נייטין ער זאל בצאהלין. נדבה מיינט מען למשל אז איינער האט גזאגט אויף אבהמה

די

בפיך זו צדקה:

(ד' ח ע"ב) ו וקדשתם את שנת החמשים (ויקרא כה) מלמד שמתקדשת והולכת מתחלתו מכאן אמר רבי ישמעאל בנו של רבי יוחנן בן ברוקה מראש השנה ועד יום הכפורים לא היו עבדים נפטרים לבתיהם ולא משתעבדים לאדוניהם אלא אוכלים ושותים ושמחים ועטרותיהם בראשיהם כיון שהגיע יום הכפורים תקעו ב"ד בשופר נפטרו עבדים לבתיהן ושדות חוזרות לבעליהן:

שבתורה: בפיך זו צדקה. קרא יתירא דריש: וקדשתם את שנת החמשים. מה"ל מכאן שנאמר בשנת שבתורה שנים וכשבירם בשופר תרועה בחדש השביעי יודע אני שהיא שנת החמשים: לא נפטרים לבתיהם. דכתיב תעבירו שופר וכתיב וקראתם דרור: ולא משתעבדים. דכתיב וקדשתם את שנת החמשים: ועטרותיהם בראשיהם. אלא רצה לומר עטרה בראשו לבהות שלא תפשי: תניא רבי אליעזר אומר וכו'. מן קראי יליף ליה לקמיה: נולדו אבות. אברהם ויעקב: נפקדה שרה. בא זכרונם לטובה ונגזר עליהם הריון: בטלה עבודה מאבותינו. ו' הדסים לפני גאולתן פרק

(ד' י ע"ב) ז תניא רבי אליעזר אומר בתשרי נברא העולם בתשרי נולדו אבות בתשרי מתו אבות בפסח נולד יצחק בראש השנה נפקדה שרה ורחל וחנה בר"ה יצא יוסף מבית האסורין (ד' יא) בר"ה בטלה עבודה מאבותינו במצרים בניסן נגאלו (ישראל) ובתשרי עתידין ליגאל. רבי יהושע אומר בניסן נברא העולם בניסן נולדו אבות בניסן מתו אבות בפסח נולד יצחק בר"ה נפקדה שרה רחל וחנה בר"ה יצא יוסף מבית האסורין בר"ה בטלה עבודה מאבותינו במצרים בניסן נגאלו ובניסן עתידין ליגאל.

תניא

---

די בהמה זאל זיין אקרבן. נייט מען איהם ער זאל מקריב זיין די בהמה פאר אקרבן. אשר דברת. וואס דו האסט גירעט. דאס מיינט מען אויב איינער האט גזאגט איך וועל געבין למשל. צעהן רובל צום פאריכטען דעם בית המקדש. נייט מען איהם ער זאל בצאהלין אזוי ווי ער הט גזאגט. בפיך. מיט דיין מויל. דאס מיינט מען אויב איינער האט גזאגט איך וועל געבין למשל. צעהן רובל אויף צדקה. נייט מען איהם ער זאל געבין אזוי וויא ער הט גזאגט:

ו וקדשתם: אין פסוק שטייט איר זאלט הייליגען דעם פופציגסטען יאהר דאס איז יובלו. דער פסוק לערונט אונז אז דער פופציגסטער יאהר ווערט הייליג באלד פון אנהייב. פון דאנען האט רבי ישמעאל בנו של רבי יוחנן בן ברוקה גזאגט פון ראש השנה ביז יום כפור (דעם פופציגסטען יאהר) זענען די קנעכט ניט גיגאנגען אהיים. אונ האבען ניט גיארבעט ביי זייערע הארין. נאר זיי האבען גיגעסין אונ האבען גיטרונקען אונ האבין זיך גיפרייט. אונ זיי האבען גימענט אן טאהן קרוינען אויף זייערע קעפ. צו ווייזען אז זיי זענען שוין פריי. ווי עס איז גיקומען יום כפור האבען בית דין גיבלאזען שופר. זענען דיא קנעכט אוועק גיגאנגען אהיים. אונ יעדער פעלד איז גיקומען צוריק צוא איר בעל הבית:

ז תניא. מיר האבין גילערונט רבי אליעזר זאגט ראש חודש תשרי איז דיא וועלט בשאפען גיווארין. אונ אין חודש תשרי זענען גיבארין גיווארין די אבות. אברהם אונ יעקב. אונ אין חודש תשרי זענען גישטארבען די אבות. פסח איז גיבארין גיווארין יצחק. אום ראש השנה איז דער מאנט גיווארין שרה אונ רחל אונ חנה פאר גאט. זייא זאלען מעוברת ווערין. ראש השנה איז יוסף ארויס גיגאנגען פון גיפענקעניס. ראש השנה האבען דיא יודין אויף גיהערט צו ארבעטין אין מצרים. אין חודש ניסן זענען די יודין ארויס גיגאנגען פון מצרים. אונ אין חודש תשרי וועלין די יודין אויס גילייזט ווערין אז משיח וועט קומען. רבי יהושע זאגט ראש חודש ניסן איז די וועלט בשאפען גיווארין. אין חודש ניסן זענען גיבארען גיווארין די אבות. אונ אין חודש ניסן זענען גישטארבען די אבות. פסח איז גיבארען גיווארין יצחק. אום ראש השנה איז דער מאנט גיווארין שרה רחל חנה פאר גאט. זיי זאלין מעוברת ווערין. ראש השנה איז יוסף ארויס גיגאנגען פון גיפענקעניס. ראש השנה האבען דיא יודין אויף גיהערט צו ארבעטין אין מצרים. אין חודש ניסן זענען די יודין ארויס גיגאנגען פון מצרים.

אונ

תניא ר"א אומר מנין שבתשרי נברא העולם שנאמר (בראשית א) ויאמר אלהים תדשא הארץ דשא עשב מזריע זרע עץ פרי עושה וגו׳. איזהו חדש שהארץ מוציאה דשאים ואילן מלא פירות הוי אומר זה תשרי ואותו הפרק זמן רביעה היה וירדו גשמים עליהם וצמחו שנאמר (שם ב) ואד יעלה מן הארץ וגו׳ רבי יהושע אומר מנין שבניסן נברא העולם שנאמר (שם א) ותוצא הארץ דשא עשב מזריע זרע למינהו ועץ עושה פרי וגו׳ אי זהו חדש שהארץ (מוציאה) [מלאה] דשאים ואילן מוציא פירות הוי אומר זה ניסן ואותו הפרק זמן בהמה חיה ועוף שמזדווגין זה עם זה שנאמר (תהלים סה) לבשו כרים הצאן וגו׳ ואידך נמי הא כתיב (בראשית א) ועץ עושה פרי ההוא לברכה לדורות הוא דכתיב ואידך נמי הכתיב עץ פרי ההוא כר׳ יהושע בן לוי דא"ר יהושע בן לוי כל מעשה בראשית בקומתן נבראו לדעתן

כשעמיד מהם: תדשא הארץ. התלבש והתכסה בדשאים: ועץ פרי. שנגמר פריו: ואותו הפרק זמן רביעה היה כלומר וראיה לדבריו שבתשרי נברא העולם שהרי לגשמים היו צריכין ותשרי זמן רביעה הוא: ותוצא הארץ. ולא כתיב ותדשא: ועץ עושה פרי. ולא עץ ופריו גמור: ואותו הפרק זמן. בבהמה וחיה ליזקק זה לזה ולכך היו צריכין וראיה הוא שבניסן נברא העולם: לבשו כרים. בזמן שהרועים הסגלים הצאן (וגבי בריאת עולם כתיב דכתיב לעיל ...ם מלין הכרים בכחו) אלמא ניסן זמן זיווג בהמה היא: ב כה לדורות. היינו פרי לדורות מיהו בשעת עץ פרי היה: בקומתן נבראו. והיינו עץ פרי ראוי היה לטעון פרי מיד: לדעתם נבראו. ששאל להם אם חפצים להבראות

---

און אין חודש ניסן וועלין די יודין אויס געלייזט ווערין אז משיח וועט קומען:

תניא מיר האבין געלערנט רבי אליעזר זאגט פון וואנען ווייסען מיר אז דיא וועלט איז בשאפען געווארין ראש חודש תשרי ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט די ערד זאל בקלי...דט און בדעקט ווערין מיט גראז. און עס זאל פאר זייט ווערין מיט ערד פרוכטען. און די בוימער זאלין זיין פול מיט פארטיגע פירות. וועלכער חודש איז דאס וואס דיא גראז הייבט אן צו שפראצין פון די ערד. און די בוימער זענען פול מיט פירות. דאס איז דער חודש תשרי. ודאס מיינט מען אלץ אין ארץ ישראל און דער חודש תשרי איז די צייט וואס עס דארף גיין רעגין. איז גיגאנגען רעגין און עס האט אן גיהויבין צו וואקסען. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק און אוואסקין איז אויף גיגאנגען פון די ערד און האט אן גיטרונקין די ערד. רבי יהושע זאגט פון וואנען ווייסען מיר אז די וועלט איז בשאפען געווארין ראש חודש ניסן. ווארום עס שטייט אין פסוק די ערד האט אויס גיצויגין (עס האט ארויס גיוואקסע פון די ערדן גראז און ערד פרוכטען. יעדער צו זיין מין. און אבוים וואס אויף איהם הייבט אן צו וואקסען פירות. וועלכער חודש איז דאס וואס די ערד איז פול מיט גראז און מיט ערד פרוכטען און אויף די בוימער הייבט אן צו וואקסען פירות. דאס איז דער חודש ניסן. אין דער צייט פארין זיך די בהמות און חיות און עופות די זכרים מיט די נקבות. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק די שעפסין נקבות ווערין בקליידט מיט די זכרים וואס גייען ארויף אויף זיי ווען זיי בהעפטין זיך. פרעגט די גמרא איז דאך א קשיא אויף רבי אליעזר עס שטייט דאך אין פסוק ועץ עושה פרי. מיינט מען דאך אז דער בוים זאל איצט אויס ציהען פירות. ענטפערט רבי אליעזר איצט איז שוין גיוועזען עץ פרי. א בוים פול מיט פירות. און עץ עושה פרי איז א ברכה אויף שפעטער. אז די בוימער זאלען אייביג אויס ציהען פירות. פרעגט זיי גמרא איז דאך א קשיא אויף רבי יהושע עס שטייט דאך עץ פרי. מיינט מען דאך אבוים פול מיט פירות. זאגט די גמרא דאס מיינט מען אזוי ווי רבי יהושע בן לוי האט גזאגט. ווארום רבי יהושע בן לוי האט גזאגט אלץ וואס עס איז בשאפען געווארין אין די ערשטע זעקס טעג. זענען בשאפען געווארין אין זייער הייך (ניט עס איז בשאפען געווארין אצווייגיל און דער צווייג האט נאך גידארפט וואקסען ביז ער זאל ווערין אבוים. נאר עס איז באלד בשאפען געווארין עץ פרי. אבוים וואס אויף איהם זאל שוין אנהייבען וואקסען פירות. און אזוי אלע זאכען זענען ניט בשאפען געווארין קליין זיי זאלען דער נאך וואקסען. נאר זיי זענען באלד בשאפען געווארין גרויס) און צו זייער ווילען. מען האט זיי גיפרעגט אויב זייא ווילען בשאפען ווערין אדער ניין. האבען זייא גזאגט

לדיתן נביאו לצביונם נבראו שנאמר (שם ב) ויכלו השמים והארץ וכל צבאם אל תקרי צבאם א"א צביונם. ר' אליעזר אומר מנין שבתשרי נולדו אבות שנאמר (מלכים א ח) ויקהלו אל המלך שלמה כל איש ישראל בירח האיתנים בחג וגו' ירח שנולדו בו איתני עולם מאי משמע דהאי איתן לישנא דתקיפה הוא דכתיב (במדבר כד) איתן מושבך וגו' ואומר (מיכה ו) שמעו הרים את ריב ה' והאיתנים מוסדי ארץ וגו' ואומר (שה"ש ב) קול דודי הנה זה בא מדלג על ההרים בזכות אבות מקפץ על הגבעות בזכות אמהות:

ח רבי יהושע אומר מנין שבניסן נולדו אבות שנאמר (מ"א ו) ויהי בשמונים שנה וארבע מאות שנה לצאת בני ישראל מארץ מצרים בשנה הרביעית בחדש זיו וגו' ירח שנולדו בו זיותני עולם והכתיב בירח האיתנים ההם דתקיפי במצות ואידך הכתיב נמי בחדש

אם לאו ואמרו כן: לצביונם. בטעם כל אחד ואחד ונדפים כל אחד: שמעו הרים וגו' והאיתנים מוסדי ארץ. אלמא הם איתנים הם הרים ולהכתן ואיקרו אבות הרים שנאמר מדלג על ההרים דילג קן בשביל ההרים:

בחדש זיו. הוא אייר: שנולדו בו זיוי העולם. כשנתחדש אייר נולדו כבר בניסן אי נמי זמנין ותקופת ניסן מכך כתיב אייר של לבנה (וקרי ליה זיו ע"ש ניסן של חמה שנולדו בו זיותני עולם):

---

זאגט יא זיי ווילען. אונ זייא זענען בשאפען געווארין לצביונם. צו זייער שיינקייט אונ צוא זייער געשמאק. וואריום עס שטייט אין פסוק ויכלו השמים והארץ וכל צבאם. זאלסט ניט לייענען צבאם נאר זאלסט לייענען צביונם. זייער שיינקייט אונ זייער געשמאק. רבי אליעזר זאגט פון וואנען ווייסען מיר אז די אבות זענען געבארען געווארין אין תשרי. וואריום עס שטייט אין פסוק אלע יודען האבען זיך פערזאמעלט צום מלך שלמה אין דעם חודש האיתנים אום סוכות. סוכות איז דאך אין חודש תשרי. ווערט דער חודש תשרי גירופען איתנים. וואריום איתן איז טייטש שטארק. ווייל אין דעם חודש זענען געבארען געווארין די שטארקע פון דער וועלט. דאס זענען די אבות. אברהם אונ יעקב. פרעגט די גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז איתן איז טייטש שטארק. וואריום עס שטייט אין פסוק איתן מושבך. דיין זיצונג איז שטארק. נאך א פסוק שטייט שמעו הרים את ריב יי והאיתנים מוסדי ארץ. די בערג זאלען הערין די קריג פון גאט. אונ די שטארקע וואס זענען די פונדאמענטין פון דער וועלט זאלען הערין וואס גאט זאגט. נאך זאגט דער פסוק קול דודי הנה זה בא. דער קול פון מיין פריינד (פון גאט) קומט אן. אין מצרים. מדלג על ההרים. ער שפרינגט אויף די בערג. דאס מיינט מען גאט איילט אונז אויס צו לייזין אין דעם זכות פון די בערג. דאס מיינט מען די אבות. אברהם יצחק יעקב. מקפץ על הגבעות. ער שפרינגט אויף די הייכין. גאט איילט אונז אויס צוא לייזין אין דעם זכות פון די הייכין. דם מיינט מען אונזערע מוטערס שרה רבקה רחל לאה. זעהן מיר דאך אז די אבות ווערין גירופען בערג. דורך זייער שטארקייט:

ח רבי יהושע זאגט פון וואנען ווייסין מיר אז די אבות זענען געבארין געווארין אין ניסן. וואריום עס שטייט אין פסוק אונ עס איז געווען צו פיר הונדערט מיט אכטציג יאהר וויא דיא יודען זענען ארויס געגאנגען פון מצרים. דעם פערטין יאהר וויא שלמה איז געווארין א מלך אויף די יודען. אין דעם חודש זיו. דאס איז דער חודש אייר. פאר וואס רופט מען דעם חודש אייר זיו. שיין. ווייל אין ניסן זענען געבארען געווארען די אבות. אונ אז דער חודש אייר איז אן געקומען זענען שוין די אבות געווען זיותני עולם. די שיינקייט פון דער וועלט. פרעגט דיא גמרא עס שטייט דא בירח האיתנים. דאס מיינט מען דעם חודש תשרי. אונ פאר וואס רופט מען איהם דער שטארקער חודש. געוויס ווייל אין איהם זענען געבארין געווארין די אבות. ענטפערט דיא גמרא ניין. דריבער רופט מען דעם חודש תשרי דער שטארקער חודש ווייל ער איז שטארק מיט מצות. אין דעם חודש איז דא פיל מצות מער ווי אין אלע אנדערע חדשים. פרעגט די גמרא איז דאך א קשיא אויף רבי אליעזר עס שטייט דאך בחודש זיו. דאס מיינט מען דעם חודש

בחדש זיו ההוא משום דאית ביה זיוא לאילנא דאמר רב יהודה האי מאן דנפיק ביומא דניסן וחזי לאילני דמלבלבי אומר ברוך שלא חיסר בעולמו כלום וברא בו בריות טובות ואילנות טובות להתנאות בהם בני אדם מ"ד בניסן נולדו אבות בניסן מתו, מ"ד בתשרי נולדו בתשרי מתו שנאמר (דברים לא) בן מאה ועשרים שנה אנכי היום וגו' שאין תלמוד לומר היום ומה ת"ל היום היום מלאו ימי ושנותי ללמדך שהקב"ה יושב וממלא שנותיהם של צדיקים מיום ליום ומחדש לחדש שנאמר (שמות כג) את מספר ימיך אמלא. בפסח נולד יצחק מנ"ל דכתיב (בראשית יח) למועד אשוב אליך כעת חיה ולשרה בן איבת קאי אילימא בפסח וקא"ל בעצרת בנ' יומין מי קא ילדה אלא דקאי בעצרת וקא"ל בתשרי אכתי בחמשה ירחי מי קא ילדה אלא דקאי בחג וקא"ל בניסן ואכתי בשיתא ירחי מי קא ילדה הנא אותה שנה

להנאות. ליהנות: דקדק בי מת. בוסר ויוה"כ ומלא נסוכה ועננה וניסוך המים: למועד אשוב אליך. ליו"ט הבא דלבן: ולשרה בן. וכל מס מחה יכול להרחיק יום הסבורה מיום הלידה שהרחיקו כדי (למנות) [למלאת ימי] עיבור כולד בין שניסס ואי אתה יכול להרחיק אלא ממועד

חודש אייר. און פאר וואס רופט מען איהם דער שיינער חודש. געווים ווייל אין ניסן ווענען
געבארין געווארין די אבות (אזוי ווי פריער שטייט) ענטפערט די גמרא נייו. דריבער רופט מען
דעם חודש אייר דער שיינער חודש ווייל אין דעם חודש ווערין שיין אלע בוימער. זייא
בליהען אין דעם חודש אייר. ווארום רב יהודה האט געזאגט דער מענטש וואס גייט ארויס
אין פעלד אין חודש ניסן און ער זעהט בוימער בליהען. זאל ער זאגן א ברכה. געלויבט איז
גאט וואס אין זיין וועלט פעלט גאר ניט און ער האט בשאפען גוטע בשעפעניש און גוטע
בוימער מענטשין זאלין פון זיי הנאה האבין. דער וואס זאגט די אבות זענען געבארין געווארין
אין חודש ניסן. זענען זיי געשטארבין אויך אין חודש ניסן. און דער וואס זאגט די אבות ווענען
געבארין געווארין אין חודש תשרי זענען זיי געשטארבין אין תשרי. ווארום עס שטייט אין פסוק משה
רבינו האט געזאגט בן מאה ועשרים שנה אנכי היום. איך בין אלט הונדערט און צוואנציג יאהר.
צו וואס שטייט דער ווארט היום. נאר אזוי האט משה רבינו געזאגט פונקט היינט ודעם טאג
וואס איך שטארב) בין איך אלט געווארין הונדערט און צוואנציג יאהר. דער פסוק לערנט
אונז אז גאט דערפילט די יאהרין פון די צדיקים פון טאג צו טאג און פון חודש צו חודש.
דער צדיק שטארבט דעם זעלבינען טאג וואס ער איז געבארין געווארין. אזוי ווי עס שטייט
אין פסוק דעם צאהל פון דיינע טעג וועל איך דערפילען. פרעגט די גמרא פון וואנען ווייסען
מיר אז פסח איז געבארין געווארען יצחק. ווארום עס שטייט אין פסוק דער מלאך האט געזאגט
צו אברהם למועד אשוב אליך כעת חיה ולשרה בן. צום ערשטין יום טוב וואס עס וועט קומען
וועל איך נאך אמאהל קומען צו דיר און איהר וועט אלע לעבין אזוי ווי איצט און שרה
וועט האבין א זוהן. פרעגט די גמרא ווען איז דער מלאך געוועזן ביי אברהם. זאלין מיר זאגן אום
פסח. און ער האט צו געזאגט אז צום ערשטין יום טוב דאס איז שבועות וועט שרה האבין
א זוהן. דאס קען דאך ניט זיין זיא זאל מעוברת ווערין פסח און געבאהרין שבועות ווארום פון
פסח ביז שבועות איז דאך נאר פופציג טעג. וועלין מיר זאגן אז דער מלאך איז געוועזן בייא
אברהם שבועות. און ער האט צו געזאגט אז צום ערשטין יום טוב דאס איז סוכות וועט שרה
האבין א זוהן. דאס קען אויך ניט זיין זיא זאל מעוברת ווערין שבועות און געבאהרין סוכות. ווארום
פון שבועות ביז סוכות. איז דאך נאר פינף חדשים. און צו פינף חדשים קען מען ניט קיין
לעבעדיגע קינד געבאהרין. נאר אזוי מוז זיין דער מלאך איז געוועזן ביי אברהם אום סוכות און
ער האט איהם צו געזאגט אז צום ערשטין יום טוב דאס איז פסח וועט שרה האבין א זוהן.
פרעגט די גמרא אויב שרה איז מעוברת געווארין סוכות און געבאהרין אום פסח פון סוכות
ביז פסח איז דאך נאר זעקס חדשים. און דאס קינד וואס ווערט געבאהרין צו זעקס חדשים.
און עס גייט ניט אריין עפעס אין זיבעטין חודש. קען דאך ניט לעבין; זאגט דיא גמרא
מיר האבין געלערנט דער יאהר איז געוועזן מעוברת עס איז געוועזן צוויי מאהל אדר. און

ניוועזן

בעוברת היתה סוף סוף כי מד"י מר ימי טומאה בצרי להו אמר מר זוטרא אפילו למ"ד יולדת לט' אינה יולדת למקוטעין יולדת לשבעה יולדת למקוטעין שנאמר (שמואל א א) ויהי לתקופות הימים וגו' מיעוט תקופה שתים מיעוט ימים שנים. בר"ה נפקדה שרה ורחל וחנה מנא לן אמר ר"א אתיא זכירה זכירה ואתיא פקידה פקידה (אתיא זכירה זכירה) כתיב בה ברחל (בראשית ל) ויזכור אלהים את רחל וכתיב בה בחנה (שמואל א א) ויזכרה ה' ואתיא זכירה זכירה מר"ה דכתיב (ויקרא כג) זכרון תרועה מקרא קדש ואתיא פקידה פקידה כתיב בה בשרה (בראשית כא) וה' פקד את שרה כאשר אמר וכתיב בה בחנה (שמואל א ב) כי פקד ה' את חנה. בר"ה יצא יוסף מבית האסורים מנא לן דכתיב (תהלים פא) תקעו בחדש שופר בכסה ליום חגנו (וכתיב) (שם) כי חק לישראל הוא משפט לאלהי יעקב (וכתיב) (שם) עדות ביהוסף שמו בצאתו על ארץ מצרים שפת לא ידעתי אשמע. (ע"ג) בר"ה בטלה עבודה מאבותינו במצרים (מנא לן אתיא סבילה סבילה) כתיב הכא (שמות ו) מתחת סבלות

למועד כשהלמר שהבשרה במועד זה שתנה למועד הבא: כי מדלי מר ימי טומאה. טומאת נדה דקיימא לן שרה אמנו הותו היום (כשהבשרה) פירסה דרך נשים ויקה תגלת ועלה ובן הבקר אכל לא את העוגות שלשה הוים בטומאה (שהברהם אבינו אוכל חולין בטהרה היה): אפילו למ"ד. במסכת נדה: אינה יולדה למקוטעין. דהיינו הדשים חסרים אלא לחדשים שלמים של ל' יום: עדות ביהוסף שמו. בתריה דהכוה קרא דכי חק לישראל כתיב:

---

גיוועזן פון סוכות ביז פסח זיבען חדשים. אונ דאס קינד וואס ווערט געבוירן צו זיבען חדשים קען שוין לעבין. פרעגט די גמרא אז דוא ווייסט אפ רעכענען דיא טעג וואס שרה איז גיוועזן אנדה ווארום ווען דער מלאך איז גיוועזן איז שרה גיוועזן אנדה. עיין רש"י פרשה וירא איז דאך שרה מעוברת גיווארין נאך סוכות. איז דאך שוין גיוועזן וויינגער ווי זיבען חדשים. האט מר זוטרא גיזאגט אפילו דער תנא וואס זאגט אז די אשה וואס גיבאהרט אקינד צו ניין חדשים. מוז דאס זיין גאנצע ניין חדשים. יעדער חודש זאל גירעכנט ווערין צו דרייסיג טעג. אונ אז עס איז וויינגער קען דאס קינד ניט לעבין. אבער די אשה וואס גיבאהרט אקינד צו זיבען חדשים. אפילו עס פעלט עטליכע טעג צו זיבען חדשים קען אויך דאס קינד לעבין: אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ויהי לתקופות הימים. אתקופה איז דריי חדשים. תקופות מיינט מען צוויי תקופות. זעקס חדשים. ימים. טעג. מיינט מען צוויא טעג. האט חנה געבאהרין איהר זוהן שמואל צו זעקס חדשים מיט צוויי טעג. אונ ער האט גילעבט. פרעגט דיא גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז אום ראש השנה איז דער מאנט גיווארין שרה רחל חנה זייא זאלין מעוברת ווערין. האט רבי אלעזר גיזאגט מיר לערנען אגזרה שוה זכירה זכירה: אונ פקידה פקידה. בייא רחל שטייט ויזכור אלהים את רחל. גאט האט דער מאנט רחלן. אונ ביי חנה שטייט ויזכרה יי. גאט האט איהר דער מאנט. אונ בייא ראש השנה שטייט זכרון תרועה. איין דער מאנונג פון שופר בלאזין. זענען אלע דריי דערמאנונגען גיוועזן אין איין טאג. אזוי וויא דער דערמאנונג פון שופר בלאזין איז ראש השנה. אזוי דער דערמאנונג פון רחל אונ חנה זייא זאלין מעוברת ווערין איז אויך גיוועזן אום ראש השנה. אונ מיר לערנען פקידה פקידה. בייא שרה שטייט דערווארט פקידה. ויי פקד את שרה. גאט האט גידיינקט שרהן זיא זאל מעוברת ווערין. אונ בייא חנה שטייט אויך דער ווארט פקידה כי פקד יי את חנה. גאט האט גידיינקט חנה זיא זאל מעוברת ווערין. אזוי ווי חנה איז גידיינקט גיווארין ראש השנה. אזוי איז שרה אויך גידיינקט גיווארין אום ראש השנה. פרעגט דיא גמרא פון וואנען ווייסין מיר אז ראש השנה איז יוסף ארויס גיגאנגען פון תפיסה. ווארום עס שטייט אין פסוק תקעו בחודש שופר. איהר זאלט בלאזין שופר אום ראש חודש תשרי. דאס איז ראש השנה. דער נאך שטייט אין פסוק עדות ביהוסף שמו בצאתו על ארץ מצרים. דעם טאג ראש השנה הט מען אן גיטאהן אצירונג אויף יוסף ווען ער איז ארויס פון תפיסה אונ איז ארויס גיגאנגע ווי אגיוועלטיגער אויף דעם לאנד מצרים: פרעגט דיא גמרא פון וואנען ווייסין מיר אז ראש השנה האבען אונזערע עלטערין אויף גיהערט צו ארבעטין אין מצרים. זאגט די גמרא מיר לערנען אגזרה שוה סבילה סבילה.

סבלות מצרים וכתיב התם (תהלים פא) הסירותי מסבל שכמו וגו׳ . בניסן נגאלו כדאיתא ובתשרי עתידין ליגאל מנא לן אתיא שופר שופר כתיב הכא תקעו בחדש שופר וכתיב התם (ישעיה כז) והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול . ר׳ יהושע אומר בניסן נגאלו ובניסן עתידין ליגאל כנא לן דכתיב (שמות יב) ליל שמורים הוא לה׳ לילה המשומר ובא מששת ימי בראשית (שמורים לכל בני ישראל לדורותם לילה המשומר לעתיד לבא) ואידך ההוא לילה המשומר ובא מן המזיקין ואודו למעמיהו דתניא (בראשית ז) בשנת שש מאות שנה להיי נח ר׳ אליעזר אומר וכו׳ (הסוגיא ארוכה בזה ובמנין התקופות) :

**ט תניא** (שם) בשנת שש מאות שנה לחיי נח בחדש השני בשבעה עשר יום לחדש ר׳ יהושע אומר אותו היום ט"ז באייר היה יום שמזל כימה שוקע ביום

הסירותי מסבל שכמו . ביוסף כתיב [כמו עדות ביהוסף] : המצומר ובא . לגאולה :

גרסינן . בסדר עולם רבי יהושע מרישא וסדר ר׳ אליעזר ר"י אומר אותו היום י"ז באייר היה יום שמזל כימה שוקע ביום ר"א אומר אותו כיום י"ז במרחשון היה יום שמזל כימה עולה כיום גלגל החמה עגול הוא תלוי למעלה מן הקרקע והליו למטה מן הקרקע וי"ב מזלות קבועים בו וזה סדרן טלה שור תאומים סרטן אריה בתולה מאזנים עקרב קשת גדי דלי דגים ובכל שנ"ה סה"ב מע"ק גד"ד ו׳ מהן שקועין למטה וו׳ מהן למעלה וכשהגלגל מגלגל זה עולה מלד זה ושוקע כנגד האחר שוקע וכן לעולם וכ׳ שעות שוהה המזל בעלייתו וכן שכנגדו בשקיעה שהו כלן משמשין כ"ד שעות של יום ובניסן לעולם טלה מתחיל לעלות לאור הבקר מע"ק גד"ד למעלה בעולה עם"ת סה"ב למטה נאזר הבקר מתחיל טלה לעלות ומאזנים לשקוע לסוף שתי שעות טלה כולו עולה ומאזנים כולו שוקע אחר ב׳ שעות מתחיל שור לעלות ועקרב לשקוע וכן כלל כל חדש וכן באייר שור מתחיל לשמש ביום כל ימי אייר וכב׳ שעות הראשונות גומר עלייתו שניות תאומים שלישית סרטן רביעית אריה וחמישית בתולה וששית מאזנים וכן כלן נמלא טלה עולה

---

ביי מִצְרַיִם שְׁטֵייט דֶער וָוארְט סִבְלֹת. וְהוֹצֵאתִי אֶתְכֶם מִתַּחַת סִבְלֹת מִצְרַיִם. אִיךְ וֶועל אַייךְ אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דִיא שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט פוּן מִצְרַיִם. אוּנ בַּייא יוֹסֵף שְׁטֵייט אוֹיךְ דֶער וָוארְט סְבִילָה. הֲסִירוֹתִי מִסֵּבֶל שִׁכְמוֹ. אִיךְ וֶועל אָפּ טָאהן דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט פוּן זַיין אַקְסֶיל. אַזוֹי וִויא דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט פוּן יוֹסֵף אִיז אָפּ גִיטָאהן גִיוָוארִין אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אַזוֹי דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט פוּן דִי יוּדִין אִין מִצְרַיִם אִיז אוֹיךְ אָפּ גִיטָאהן גִיוָוארִין אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אִין חוֹדֶשׁ נִיסָן זֶענֶען דִי יוּדֶען אוֹיסגִילֵייזְט גִיוָוארִין פוּן מִצְרַיִם. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה. אָבֶּער פוּן וַואנֶען וֵוייסִין מִיר אַז דִי יוּדִין וֶועלִין אוֹיס גִילֵייזְט וֶוערִין אִין תִּשְׁרֵי. זָאגְט דִי גְמָרָא מִיר לֶערנֶען אַגְזֵרָה שָׁוָה שׁוֹפָר שׁוֹפָר. בַּיי רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁטֵייט תִּקְעוּ בַחֹ"שׁ שׁוֹפָר. אִיהר זָאלְט בְּלָאזִין שׁוֹפָר אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס דָאס אִיז רֹאשׁ חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי. אוּנ בַּיי דִי גְאוּלָה שְׁטֵייט וְהָיָה בַּיּוֹם הַהוּא יִתָּקַע בְּשׁוֹפָר גָּדוֹל. עֶס וֶועט זַיין אִין דֶעם טָאג וָואס דִי יוּדֶען וֶועלִין אוֹיס גִילֵייזְט וֶוערִין וֶועט מֶען בְּלָאזִין מִיט אַגְרוֹיסֶען שׁוֹפָר. אַזוֹי וִויא הַיינְט בְּלָאזְט מֶען שׁוֹפָר אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דָאס אִיז רֹאשׁ חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי. אַזוֹי וֶועט מֶען בְּלָאזִין מִיט דֶעם גְרוֹיסִין שׁוֹפָר אוֹיךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דָאס אִיז רֹאשׁ חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי. וַוייל דֶעם טָאג וֶועלִין דִיא יוּדִין אוֹיסגִילֵייזְט וֶוערִין. רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ אוֹמֵר בְּנִיסָן נִגְאֲלוּ וּבְנִיסָן עֲתִידִין לִיגָּאֵל. רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ זָאגְט אִין דֶעם חוֹדֶשׁ נִיסָן זֶענֶען דִיא יוּדֶען אוֹיס גִילֵייזְט גִיוָוארִין פוּן מִצְרַיִם. אוּנ אִין חוֹדֶשׁ נִיסָן וֶועלִין זֵייא אוֹיס גִילֵייזְט וֶוערִין פוּן דֶעם גָלוּת. פוּן וַואנֶען וֵוייסִין מִיר דָאס. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק לֵיל שִׁמֻּרִים הוּא לַיְיָ. דָאס אִיז אַגֶעהִיטֶע נַאכְט צוּא גָאט. דִיא נַאכְט אִיז גִיוֶוען גֶעהִיט צוּ גָאט פוּן דֶער צַייט וָואס דִי וֶועלְט אִיז בַּשַׁאפִין גִיוָוארֶען. מֶען זָאל אִין אִיהר אוֹיס לֵייזִין דִי יוּדִין פוּן מִצְרַיִם. אוּנ דִי נַאכְט אִיז גֶעהִיט צוּ גָאט אוֹיף אֵייבִּיג; אַז אִין דִיא נַאכְט זָאלִין דִיא יוּדֶען אוֹיס גִילֵייזְט וֶוערִין פוּן גָלוּת וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען. פְרֶעגְט דִי גְמָרָא וִוי טַייטְשׁ רַבִּי אֱלִיעֶזֶר דֶעם פָּסוּק. עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא רַבִּי אֱלִיעֶזֶר זָאגְט דֶער פָּסוּק מֵיינְט דִי נַאכְט אִיז גֶעהִיט פוּן שֵׁדִים אוּנ מַזִּיקִים זֵיי זָאלִין נִיט שָׁאדִין טָאהן אַמֶענְטְשִׁין :

**ט** תַּנְיָא׃ מִיר הָאבֶּען גִילֶערוֹנְט אִין פָּסוּק שְׁטֵייט וִוי נֹחַ הָט אָפּ גִילֶעבְּט וָוער אִיז אַלְט גִיוָוארִין זֶעקְס הוּנְדֶערְט יָאהר. דֶעם אַנְדֶערִין חוֹדֶשׁ זִיבֶּעצִין טָאג אִין חוֹדֶשׁ. דֶעם טָאג זֶענֶען גִיעֶפֶענְט גִיוָוארִין אַלֶע קְוַואלֶען פוּן דֶעם גְרוֹיסֶען אָבְּגְרוּנְד אוּנ דִיא פֶענְסְטֶער פוּן הִימֶעל זֶענֶען גִיעֶפֶענְט גִיוָוארִין. אוּנ דֶער מַבּוּל הָט אָן גִיהוֹיבֶּען צוּ רֶעגֶנֶען. רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ זָאגְט

ביום ומעינות מתמעטין ומתוך ששינו מעשיהן שינה הקב"ה עליהן מעשה בראשית והעלה מזל כימה ביום ונטל ב' כוכבים מכימה והביא מבול לעולם. ר"א אומר אותו היום י"ז במרחשון היה יום שמזל כימה עולה ביום ומעינות מתגברין (ד' יב) ומתוך ששינו מעשיהן שינה הקב"ה עליהן מעשה בראשית והעלה מזל כימה ביום ונטל ב' כוכבים והביא מבול לעולם:

(ד' טז) י **משנה** בארבעה פרקים העולם נדון בפסח על התבואה בעצרת על פירות האילן בראש השנה כל באי עולם עוברין לפניו כבני מרון שנאמר (תהלים לג) היוצר יחד לבם המבין אל כל מעשיהם ובחג נידונין על המים:

**גמ'** הא תבואה דאיכא אילימא הך תבואה דקיימא כל הני הרפתקי דעדו עלה (עדיין קיימא) איכא איתדן אלא תבואה דמזרע למיזרע דחד דינא מיתדנא והתניא תבואה שאירע בה קרי או אונס קודם הפסח נידונית לשעבר אחר הפסח נידונית להבא אדם שאירע בו קרי או אונס קודם יום

בב' שעות אתרומות בלילה וכל היום הוא שוקע וכימה הוא זנב טלה והמבול ביום ירד ודרך נקב שני כוכבים שנטל מכימה שהוא מזל היה בו כוכבים הרבה ומנין שהמבול התחיל לירד ביום שנאמר בעצם היום הזה בא נח והוא מקטני אמנה היה ולא נכנס לתיבה עד שירדו מים ודחקוהו ליכנס שנאמר מפני מי המבול והולך לשנות סדר בראשית והעלה (מזל) [זנב] כימה ביום ונטל ב' כוכבים ממנו, ומעיינות מתמעטין בחמה ימות החמה ופסקו הגשמים ושינה סדר בראשית והגבירו המעיינות וגשמים: יום שמזל כימה עולה ביום. שהשמש עולה עקרב בהתחלת היום ואחריו קשת ומאזנים טלה עולה בסוף היום: שינה עליהם וכו' [לקמן פריך מאי שינה]:

אילימא הך תבואה דקיימא. שהיא במחובר ומוכנת ליקצר: הרפתקי. מקרים: דעדו עלה. שעברו עליה: דמזרע. שעתידה לזרוע במחשבון נכה: דחד דינא. פעם אחד: קרי. כגון שדפון או ברד: (או אונס. ע"י אדם כגון חיילות):

---

דער טאג איז געוועזן זיבעצין טאג אין חודש אייר. וואס דער מזל כימה גייט ביי טאג ארונטער אונטער די ערד. אונ די קוואלען ווערין ווייניגער. אונ ווייל דיא מענטשין האבען גיטאהן אנדערש ווי זיי האבען גידארפט טאהן. האט גאט אויך גיענדערט דיא בשאפונג פון דער וועלט. אונ ער האט אויף גיבראכט דעם מזל כימה ער זאל גיין ביי טאג איבער דיא ערד. אונ גאט האט ארויס גענומען צוויי שטערין פון דעם מזל כימה. אונ דורך דיא צוויי לעכער האבען די וואסער אן גיהויבען צו פלייצען אויף דער וועלט. רבי אליעזר זאגט דער טאג איז גיוועזן זיבעצין טאג אין חודש חשון. וואס דער מזל כימה גייט ביי טאג איבער די ערד אונ די קוואלען שטארקין זיך. אונ ווייל דיא מענטשין האבען גיטאהן אנדערש וויא זייא האבען גידארפט טאהן. הט גאט אויך גיענדערט די בשאפונג פון דער וועלט. אונ ער האט אויף גיבראכט דעם מזל כימה ער זאל גיין ביי טאג איבער דיא ערד. אונ גאט האט ארויס גינומען צוויי שטערין פון דעם מזל כימה. אונ דורך די צוויי לעכער האבען די וואסער אן גיהויבען צוא פלייצען אויף דער וועלט. [די גמרא פרעגט נאך רבי אליעזר וואס הט גאט גיענדערט. פריער איז דאך אויך גיוועזן דער מזל כימה ביי טאג איבער די ערד]:

משנה. בארבעה. פיר מאהל אין יאהר ווערט דיא וועלט געמשפט. פסח משפט מען די תבואה. שבועות משפט מען דיא פירות פון ביימער. אום ראש השנה גייען דורך אלע מענטשין פון דער וועלט פאר גאט אזוי ווי די שעפסין אונ מען משפט יעדער מענטשין בזונדער. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דער בשעפער זעהט די הערצער פון אלע מענטשין מיט איין מאהל. אונ ער פאר שטייט אלץ וואס זיי האבען גיטאהן. אום סוכות ווערט מען געמשפט וועגין דעם רעגין פון דעם גאנצען יאהר. פרעגט די גמרא וועלכע תבואה משפט מען אום פסח. זאלען מיר זאגען די תבואה וואס שטייט אין פעלד אום פסח. אונ מען וועט זייא באלד אפ שניידען ווארום די גמרא שמועסט פון ארץ ישראל. אונ אין ארץ ישראל וואקסט ווינטער אונ באלד נאך פסח שניידט מען די תבואה. איז דאך די קשיא אלע זאכען וואס הט גיטראפען ביי די תבואה פון פאר ווינטער ביז פסח. ווען איז דאס געמשפט גיווארין. ענטפערט די גמרא מען מיינט די תבואה וואס וועט מען פאר זייען ווערין אין חשון ווערט זי געמשפט אום פסח. מיט א האלב יאהר פריער. פרעגט די גמרא ווערט דען די תבואה געמשפט נאר איין מאהל

יום הכפורים נדון לשעבר אחר יום הכפורים נדון להבא אמר רבא שמע מינה הרי דיני מיהדנא (שתא) אמר אביי כי חזי איניש דמצלח זרעא אפלא ליקדים וליזרע הרפא דעד דמטי למידייניה קדים וסליק:

יא מני מתניתין לא רבי מאיר ולא רבי יהודה ולא רבי יוסי ולא רבי נתן דתניא הכל נידונין בראש השנה וגזר דין שלהם נחתם ביום הכפורים דברי רבי מאיר רבי יהודה אומר הכל נידונין בראש השנה וגזר דין שלהם נחתם כל אחד ואחד בזמנו בפסח על התבואה ובעצרת על פירות האילן ובחג על המים ואדם נידון בראש השנה וגזר דין שלו נחתם ביום הכפורים. ר' יוסי אומר אדם נידון בכל יום שנאמר (איוב ז) ותפקדנו לבקרים. רבי נתן אומר אדם נידון בכל שעה שנאמר (שם) לרגעים תבחננו. וכי תימא לעולם רבי יהודה היא וכי קתני מתני' אגזר דין אי הכי

נידונית לשעבר. קודם שנזרעה דהיינו בפסח של אשתקד: נידונית להבא. בפסח של אחר זריעתה: נידון לשעבר. בי"ה של אשתקד נגזר עליו: להבא. בי"ה זה שעבר עליו בקרוב וכן לשון מבנה במסכת נדרים קונם יין שאיני טועם היום זה אסור כל היום כולו ור"ה להבא כלו' ר"ה שעבר עתה בקרוב ומשום דקרי ליה להבא דאשתקד לשעבר קרי ליה להאי דלקמיה להבא: ומשני. אמר רבא ש"מ הני דיני מהדנא. קודם לזריעתה ובמוך לקצירתה: כי חזי איניש דמצלח זרעא אפלא. השנה והוכחה שזרעו במרחשון שאינה ממהרים להתגדל לצמוח לאחר הפסח: ליקדים וליזרע הרפא. השעורה שממהרת להתגדל וזורעין אותה בטבת ואחר דכיון דאפלא מצלח שמע מינה לטובה נידון בפסח שעבר לפיכך ימהר לזרוע בזריעה כזו: דעד דמטי למידייניה. בפסח הבא: קדים וסליק. וגדל קצה ואינו ממהר להתקלקל:

וכי קתני אמתניתין. ארבעה פרקים: אגזר דין.

קשיא

---

מאהל. מיר האבען דאך גילערנט די תבואה וואס איז קאליע געווארין דורך ווינטען אדער דורך האגיל אדער אתיל איז אן גיקומען אונ האבען זי צו טרעטין. אויב דאס איז געוועזען פר פסח. דער משפט איז געוועזען דעם פאר איאהרעדיגען פסח. אונ אויב דאס איז געוועזען נאך פסח. איז דער משפט געוועזען דעם איצטיגען פסח דיא אלע טרעפונג וואס טרעפט דעם מענטשין פאר יום כפור. איז ער דארויף געמשפט געווארין פאר איאהרעדיגען יום כפור. אונ אלץ וואס איהם טרעפט נאך יום כפור. איז ער דארויף געמשפט געווארין דעם איצטיגען יום כפור. האט רבא גיזאגט פון דאנען זעהן מיר אז די תבואה ווערט געמשפט צוויי מאהל אין יאהר. איין מאהל פאר דעם שניידין. אונ איין מאהל פאר דעם זייען. אביי האט גיזאגט אז אמענטש זעהט אז די תבואה וואס איז גיזייט געווארין אין חשון אונ דארפין פערטיג ווערין שפעט נאך פסח. וואקסען שיין אונ גוט דעם ווינטער. איז דאך א סימן אז פאר איאהרין פסח איז די תבואה גוט געמשפט געווארין. זאל ער זיך איילין באלד צו פאר זייען דיא תבואה וואס וואקסט געשווינד. זיי זאלען זיין נאנט צום פערטיג ווערין פאר פסח איידער מען וועט זייא משפטין. ווארום אז עס וועט קומען פסח וועט זיין איין אנדער משפט אויף די תבואה. טאמער אשלעכטער:

יא מני. פרעגט די גמרא וועלכער תנא האט גילערנט אונזער משנה. נים רבי מאיר אונ ניט רבי יהודה אונ ניט רבי יוסי אונ ניט רבי נתן. ווארום מיר האבען גילערנט אלע ווערין געמשפט אום ראש השנה. אונ זייער גזר דין ווערט גיחתמת אום יום כפור. אזוי זאגט רבי מאיר. רבי יהודה זאגט אלע ווערין געמשפט אום ראש השנה. אונ דער גזר דין פון יעדערע זאך ווערט גיחתמת יעדער אין זיין צייט: אום פסח ווערט גיחתמת אויף תבואה. שבועות ווערט גיחתמת אויף דיא פירות פון בוימער. סוכות ווערט גיחתמת אויף רעגין. אונ דער מענטש ווערט אויך געמשפט ראש השנה. אונ זיין גזר דין ווערט גיחתמת יום כפור. רבי יוסי זאגט דער מענטש ווערט געמשפט אלע טאג. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ותפקדנו לבקרים. דוא גידיינקסט דעם מענטש אלע פריא מארגין. רבי נתן זאגט דער מענטש ווערט געמשפט אלע רגע. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק לרגעים תבחננו. אלע רגע פרובסטו איהם. וועסטו אפשר וועלין זאגין אז די משנה איז אזוי ווי רבי יהודה. אונ וואס אין דער משנה שטייט דיא וועלט ווערט געמשפט פיר מאהל אין יאהר. מיינט מען דער גזר דין פון משפט ווערט גיחתמת פיר מאהל אין יאהר. איז דאך א קשיא דער מענטש. אין דער משנה שטייט דער גזר דין

פון

קשיא אדם אמר רבא האי תנא (תנא) דבי רבי ישמעאל הוא דתנא דבי ר' ישמעאל בארבעה פרקים העולם נידון בפסח על התרואה ובעצרת על פירות האילן ובחג על המים ואדם נידון בראש השנה וגזר דין שלו נחתם ביום הכפורים וכי קתני מתניתין אתחלת דין אמר רב חסדא מאי טעמא דר' יוסי כדקאמר טעמא ותפקדנו לבקרים אנן הכי קאמרינן כר' נתן מאי טעמא לא קאמר בחינה עיוני בעלמא היא פקידה נמי עיוני בעלמא היא אלא אמר רב חסדא טעמא דרבי יוסי מהכא (מ"א ח) לעשות משפט עבדו ומשפט עמו ישראל דבר יום ביומו . ואמר רב חסדא מלך וצבור מלך נכנס תחלה לדין דכתיב לעשות משפט עבדו והדר משפט עמו מאי טעמא אי בעית אימא דלאו אורח ארעא למיתב מלכא מאבראי ואי בעית אימא מקמי דליפוש חרון אף אמר רב יוסף כמאן מצלינן האידנא אקצירי ואמריעי כמאן כרבי יוסי ואי בעית אימא

לעולם

(קתני דנידון משמע תחלת דין וגזר דין הוא סוף דין) : קשיא אדם . דקתני מתניתין בר"ה ור' יהודה ביוה"כ קאמר : וכי קתני מתניתין . ארבעה פרקים : אתחלת דין. אבל (גמר) [גזרו] דין דאדם בי"ה : אנן הכי קאמרינן. הכי קשיא לן : כרבי נתן מ"ט לא אמר . משום דקסבר בחינה אין זה דין אלא בודק במעשיו הילכך לדידיה נמי פקידי ליה פקידה עיוני בעלמא היא : אקצירי והמריעי . מפ"ם במסכת נדרים קצירי חולים מריעי ת"ח שהם חשובים כה : כר' יוסי . דאמר אדם נידון בכל יום ויתפלל שידונו אותו לזכות ולא קנסוהו מיתה : דאי כרבנן . דאמרי אין נידון אלא בראש השנה הרי כבר נקנסה עליו (מיתה) :

מענטש איז ראש השנה · אונ רבי יהודה זאגט דער גזר דין פון מענטש איז יום כפור · הט רבא גזאגט דער תנא פון דער משנה איז דבי רבי ישמעאל. ווארום דבי רבי ישמעאל האט גילערנט פיר צייטען אין יאהר ווערט די וועלט געמשפט · פסח משפט מען די תבואה. שבועות משפט מען די פירות פון די בוימער. סוכות ווערט מען געמשפט וועגין דעם רעגין פון אגאנץ יאהר · אונ דער מענטש ווערט געמשפט אום ראש השנה אונ זיין גזר דין ווערט גיחתמת אום יום כפור. אונ די משנה שמועסט אויך פון אנהייב משפט · אבער דער גזר דין פון מענטשין איז יום כפור · רב חסדא פרעגט פאר וואס זאגט רבי יוסי אז דער מענטש ווערט געמשפט אלע טאג . פרעגט די גמרא רבי יוסי זאגט דאך פאר וואס . ווייל עס שטייט אין פסוק ותפקדנו לבקרים ; נאט גידיינקט דעם מענטש אלע פריא מארגין · נאר אזוי איז די קשיא · פאר וואס זאגט ניט רבי יוסי אזוי ווי רבי נתן · אז דער מענטש ווערט געמשפט אלע רגע אזוי וויא עס שטייט אין פסוק לרגעים תבחננו · דו פרובסט איהם אלע רגע. נאר ווייל אין דעם פסוק שטייט דאך ניט אז ער ווערט געמשפט אלע רגע . עס שטייט נאר מען פרובט איהם אלע רגע . קען מען דאך פון דעם פסוק פון רבי יוסי אויך ניט אפ לערנען · ווארום אין דעם פסוק ותפקדנו לבקרים שטייט דאך ניט אז ער ווערט געמשפט אלע אין דער פריא. עס שטייט נאר גאט גידיינקט איהם אלע אין דער פריא . נאר זאגט רב חסדא פון דעם פסוק לערונט אפ רבי יוסי אז דער מענטש ווערט געמשפט אלע טאג . ווארום עס שטייט אין פסוק צו טאהן דעם משפט פון זיין קנעכט אונ דעם משפט פון זיין פאלק ישראל טאג בטאג . נאך האט רב חסדא גזאגט אז דער מלך מיט זיין פאלק גייען ביידע פאר גאט צום משפט. פריער ווערט געמשפט דער מלך · דער נאך דאס פאלק · אזוי ווי שלמה המלך האט גזאגט פריער צו טאהן דעם משפט פון זיין קנעכט דאס האט ער גימיינט אויף זיך · דער נאך דעם משפט פון זיין פאלק. פרעגט די גמרא פאר וואס ווערט פריער געמשפט דער מלך · אויב דוא ווילסט · וועל איך דיר זאגין ווייל עס איז ניט שיין דער מלך זאל זיצען אויס ווייניג אונ ווארטען אזוי לאנג ביז מען וועט אפ משפטין דאס גאנצע פאלק · אונ אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין מען משפט פריער דעם מלך איידער גאט וועט אין כעס ווערין אויף די זינד פון פאלק · רב יוסף זאגט ווי ווער טוהען מיר היינט וואס מיר בעטין אויף קראנקע אונ אויף דיא שוואכע תלמידי חכמים זייא זאלען גישטארקט אונ געזונדט ווערין · דאס איז אזוי ווי רבי יוסי · וואס ער זאגט אז דער מענטש ווערט געמשפט אלע טאג · אבער נאר אויף דעם טאג . ווארום ווי דיא רבנן זאגין אז דער מענטש ווערט געמשפט אום ראש השנה אונ זיין גזר דין ווערט גיחתמת יום כפור אויף

אנאנץ

לעולם כרבנן וכדרבי יצחק דאמר רבי יצחק יפה צעקה לאדם בין קודם גזר דין בין לאחר גזר דין:

יב תניא רבי יהודה אומר משום רבי עקיבא מפני מה אמרה תורה הביאו עומר בפסח מפני שהפסח זמן תבואה הוא אמר הקב"ה הקריבו לפני עומר בפסח כדי שתתברך לכם תבואה שבשדות. מפני מה אמרה תורה הביאו שתי הלחם בעצרת מפני שעצרת זמן פירות אילן היא אמר הקב"ה הקריבו לפני שתי הלחם בעצרת כדי שיתברכו לכם פירות שבאילן. ומפני מה אמרה תורה נסכו לפני מים בחג (מפני שהחג זמן גשמי שנה) אמר הקב"ה נסכו לפני מים בחג כדי שיתברכו לכם גשמי שנה. ואמר הקב"ה אמרו לפני מלכיות זכרונות ושופרות בר"ה מלכיות כדי שתמליכוני עליכם זכרונות כדי שתבא זכרונכם לפני לטובה ובמה בשופר [א"ר אבהו למה תוקעין בשופר של איל אמר הקב"ה תקעו בשופר של איל כדי שאזכור לכם עקידת יצחק בן אברהם]:

שהפסח זמן תבואה הוא. זמן שהתבואה נידונית בו: שתי הלחם. ירצו על פירות האילן שאין מתירין להביא בכורים שאין מביאין בכורים קודם לעצרת דכתיב בכורי קציר חטים. והאי מתניתא דרבי יהודה לטעמיה דהא אזלא כמאן דאמר נסכה דרין עד שאכל אדם מאותן השנה היה: שרשה בתחלתה. שישראל עושין עצמם רשים בר"ה שנה לדבר תחנונים ותפלה כענין שנאמר

(ע"ב) יג אמר רבי יצחק כל שנה שרשה בתחלתה מתעשרת בסופה מאי טעמא דכתיב (דברים יא) מראשית השנה ועד אחרית שנה. מראשית כתיב ועד אחרית (השנה מכלל) [סופה] דאית ליה אחרית: ואמר רבי יצחק אין דנין את האדם אלא לפי

---

אגאנץ יאהר. וואס העלפט אונז אגאנץ יאהר דאס בעטין. ווס עס איז שוין גיחתמת גיווארין איז דאך שוין פר פאלען. זאגט די גמרא מען קען זאגין אפילו ווי די רבנן. נאר אזוי ווי רבי יצחק האט גזאגט: ווס דער מענטש שרייט אונ בעט צו גאט דאס קען העלפען פר דעם גזר דין אונ עס קען העלפין נאך דעם גזר דין:

יב תניא מיר האבען גילערונט רבי יהודה זאגט פון רבי עקיבאס וועגין פאר ווס האט די תורה גזאגט בריינגט פר מיר אעומר אום פסח. ווייל אום פסח ווערט געמשפט דיא תבואה. האט גאט גזאגט זייט מקריב פאר מיר אעומר אום פסח. וועל איך בענטשין אייערע תבואה וואס אין די פעלדער. פאר וואס האט דיא תורה גזאגט בריינגט פאר מיר צווייא ברויטין פון ווייץ אום שבועות. ווייל אום שבועות ווערין געמשפט די פירות פון די בוימער. האט גאט גזאגט זייט מקריב פאר מיר צוויי ברויט אום שבועות. וועל איך בענטשין אייערע פירות פון די בוימער. פאר וואס האט די תורה גזאגט גיסט פאר מיר וואסער אויף דעם מזבח אום סוכות. ווייל אום סוכות משפט מען אויף דעם רעגין פון אגאנץ יאהר. האט גאט גזאגט גיסט פאר מיר וואסער אויף דעם מזבח אום סוכות. וועל איך בענטשין די רעגינס פון דעם גאנצין יאהר. זיי זאלען קומען אין דער צייט ווען מען באדף זיי. נאך האט גאט גזאגט צו די יודען זאגט פאר מיר די פסוקים פון מלכיות אונ זכרונות אונ שופרות אום ראש השנה. די פסוקים פון מלכיות זאלט איר זאגין. איר זאלט מיך מאכען פאר אמלך אויף איך. די פסוקים פון זכרונות זאלט איר זאגין. אייער דער מאנונג זאל קומען פאר מיר צו גוטען. אונ דורך וואס וועט איר דער מאנט ווערין צו גוטען. אז איר וועט בלאזין שופר אום ראש השנה. רבי אבהו האט גזאגט פאר וואס בלאזט מען ראש השנה מיט אשופר פון אאיל. נאר גאט האט גזאגט בלאזט פר מיר מיט אשופר פון אאיל. איך זאל גידיינקען די עקדה פון יצחק דער זוהן פון אברהם אבינו:

יג אמר. רבי יצחק האט גזאגט דער יאהר וואס איז ארעם אין אנהייב ואום ראש השנה שטייען די יודין פאר גאט אונ וויינען אונ בעטין. אזוי ווי דיא ארעמע לייט וואס בעטין נדבות. ווערין זיי אין דעם יאהר רייך ווערין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק מרשית השנה ועד אחרית שנה. דער ווארט רשית שטייט אן אאלף. איז טייטש רשית. ארעם. זאגט דער פסוק אז דער אנהייב יאהר וועט זיין ארעם. וועט זיין דער סוף יאהר גוט. נאך האט רבי

יצחק

מעשיו של אותה שעה שנאמר (בראשית כא) כי שמע אלהים אל קול הנער באשר הוא שם. ואמר רבי יצחק שלשה דברים מזכירין עונותיו של אדם אלו הן קיר נטוי ועיון תפלה ומוסר דין על חברו דאמר רבי חנן כל המוסר דין על חברו הוא נענש תחלה שנאמר (בראשית טז) ותאמר שרי אל אברם חמסי עליך וגו' וכתיב (שם כג) ויבא אברהם לספוד לשרה וגו'. ואמר רבי יצחק ארבעה דברים מקרעין גזר דינו של אדם אלו הן צדקה צעקה שינוי השם ושינוי מעשה צדקה דכתיב (משלי י) וצדקה תציל ממות צעקה דכתיב (תהלים קז) ויצעקו אל ה' בצר להם וגו' ושינוי השם דכתיב (בראשית יז) ויאמר ה' אל אברהם שרי אשתך לא תקרא את שמה שרי כי שרה שמה ולבסוף וברכתי אותה וגם נתתי ממנה וגו'. שינוי מעשה דכתיב (יונה ג) וירא האלהים את מעשיהם כי

הכוונים ידבר רש: כל אותה שעה. ואפי' עתיד להרשיע לאחר זמן: באשר הוא שם. ואמרו בב"ר אמרו מה"ש לפני הקב"ה רבש"ע מי שעתידין בניו להמית בניך בצמא אתה מעלה לו את הבאר שנאמר משא בערב וגו' לקראת צמא התיו מים שהיו מוליכים לקראת הגולה מיני מאכל מלוחים ונודות נפוחים כדאיתא התם אמר להם הבעה הזאת צדיק או רשע אמרו לו צדיק אמר להם באשר הוא שם איני דן את האדם אלא בשעתו: קיר נטוי. שעובר תחתיו מזכירין עונותיו באומרים כלום ראוי זה לעשות לו נס ומתוך כך נבדק: עיון תפלה. סומך על תפלתו ובטוח בהאמנתו ומהאמין לכוין לבו: ומוסר דין. כמו ישפוט ה' ביני וביניך האומרים כלום ראוי הוא זה שיענש חברו על ידו: ויבא אברהם וגו'. הוא קבר אותה: שינוי מעשה. שבו מרעתו:

---

יצחק גזאגט אז מען משפט דעם מענטשין. קוקט מען גאר וואס ער איז ביא דער צייט פון משפט. א רשע אדער א צדיק. אונ אויב ער איז איצט א צדיק אפילו ער וועט שפעטער זינדיגען פון דעסטוועגען משפט מען איהם ווי א צדיק. ווארום עס שטייט אין פסוק ביי ישמעאל גאט האט גיהערט דעם קול פון דעם יונג (פון ישמעאל) באשר הוא שם. אזוי וויא ער איז גיוועזן איצט א צדיק. דער מדרש זאגט די מלאכים האבען גזאגט פאר גאט רבונו של עולם די קינדער פון ישמעאל וועלין אמאהל הרגנן דיינע קינדער די יודין מיט דארשט ווארום ווען די יודין זענען גיגאנגען אין גלות זענען די קינדער פון ישמעאל ארויס גיגאנגען צו זייא אנטקעגין מיט גיזאלצענע עסין אונ אויף גיבלאזענע פעלבארעס מיט ווינט. אונ ווי דיא יודען האבין אפ גיגעסין די גיזאלצענע עסינס אונ עס האט זיי גידארשט האבין זייא גימיינט אז אין די פעלבארעס איז דא וואסער. אונ ווי זיי האבען אין מויל גיעפינט דעם פעלבאר איז אין זיי אריין גיקומען דער ווינט אונ זענען גישוואלין גיווארין. אונ פיל פון זיי זענען גישטארבין ווילסטו פון דעסטוועגען עפענען א ברונען וואסער. האט גאט גזאגט צו די מלאכים אבער איצט וואס איז ער א צדיק אדער א רשע. האבען די מלאכים גזאגט איצט איז ער א צדיק. הט גאט גיענפערט איך משפט ניט דעם מענטשין ווי ער וועט זיין נאר אזוי ווי ער איז איצט. נאך האט רבי יצחק גזאגט דריי זאכען דער מאנען די עבירות פון א מענטשין. דאס זענען דיא דריי זאכען. אז איינער גייט אונטער א איינגיבויגינע וואנט וואס שטייט צום איין פאלען. אונ אז איינער דאווינט מיט גרויס כוונה ווייל ער רעכינט אז גאט וועט געווים צו הערין זיין תפלה אונ וועט מאהן וואס ער פערלאנגט. אונ אז איינער זאגט צו זיין חבר גאט זאל דיך שטראפין. ביי דיא דריי זאכין דער מאנט מען די עבירות פון מענטשין. אונ מען קלערט אין הימעל אויב דער מענטש איז ווערט די וואנט זאל ניט פאלען אויף איהם. אדער אויב ער איז ווערט מען זאל איהם געבין ווס ער האט פערלאנגט אין זיין תפלה. אדער אויב ער איז ווערט מען זאל זיין חבר שטראפין פון זיינעט וועגין. ווארום רבי חנן האט גזאגט דער וואס זאגט צו זיין חבר גאט זאל דיך שטראפין. ווערט ער פריער גישטראפט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק שרה האט גזאגט צו אברהם מיין רויב זאל זיין אויף דיר. ודו זאלסט גישטראפט ווערין אויף דעם וואס הגר פאר שעמט מיך. איז שרה פריער גישטראפט גיווארין אונ איז גישטארבין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אברהם איז גיקומען בקלאגין שרה. נאך האט רבי יצחק גזאגט פיר זאכען צו רייסען דעם גזר דין פון א מענטשין. אז מען גיט צדקה. אונ אז מען שרייט אונ מען בעט צו גאט. אונ אז מען ענדערט דעם נאמען פון דעם מענטש. אונ אז דער מענטש ענדערט זיינע מעשים.

ער

**כי** שבו מדרכם הרעה וגו' וי"א אף שינוי מקום שנאמר (ברלשית יב) ויאמר ה' אל אברם לך לך וגו' והדר ואעשך לגוי גדול ואידך ההוא זכותא דארץ ישראל הוא דאהני ליה. ואמר ר' יצחק חייב אדם להקביל פני רבו ברגל שנאמר (מ"ב ד) ויאמר מדוע את הולכת אליו היום לא חדש ולא שבת מכלל דבחדש ושבת איבעי ליה למיזל:

ובגלגלתם לא תגעו. וברגל מלחתני קרה כדמפרש וחזיל לקמיה בברייתא:

**יד ואמר** רבי יצחק חייב אדם לטהר עצמו ברגל שנאמר (ויקרא יא) ובנבלתם לא תגעו [תניא נמי הכי ובנבלתם לא תגעו] יכול יהו ישראל מוזהרים במגע נבילה ת"ל (שם כא) אמור אל הכהנים בני אהרן בני אהרן מוזהרין בני ישראל אין מוזהרין והלא דברים ק"ו ומה טומאה חמורה כהנים מוזהרין ישראלים אין מוזהרין טומאה קלה לא כ"ש אלא מה ת"ל ובנבלתם לא תגעו ברגל:

אמר

---

ער טוהט תשובה אויף זיינע עבירות. פון וואנען ווייסען מיר אז מען גיט צדקה ווערט מען גיהאלפען. ווארום עס שטייט אין פסוק צדקה איז מציל פון טויט. פון וואנען ווייסען מיר אז מען שרייט אונ מען בעט צו גאט ווערט מען גיהאלפען. ווארום עס שטייט אין פסוק זייא האבען געשריגען צו גאט ווען זיי איז שלעכט גיוועז. האט זיי גאט גיהאלפען. פון וואנען ווייסען מיר אז מען ענדערט דעם נאמען ווערט מען גיהאלפען. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט גיזאגט צו אברהם דיין ווייב הייסט שרי. זאלסט ניט רופען איר נאמען שרי. נאר שרה זאל זיין איר נאמען. דער נאך שטייט גאט האט גיזאגט צו אברהם איך וועל איר בענטשין אונ דו וועסט האבען פון איהר א זוהן. פון וואנען ווייסען מיר אז מען טוהט תשובה ווערט מען גיהאלפען. ווארום עס שטייט אין פסוק ביי נינוה גאט האט גיזעהן זייער טוהען אז זיי האבען צוריק גיקערט פון זייער שלעכטין וועג. זענען זיי געבליבען לעבין. אונ אנדערע זאגין אז מען ענדערט דעם ארט ווערט מען אויך גיהאלפען. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט האט גיזאגט צו אברהם גיי פון דיין לאנד אין דעם לאנד פון כנען. ורא איז ארץ ישראל וועל איך דיך דארט מאכען פאר א גרויס פאלק. אונ דער ערשטער תנא זאגט דער זכות פון ארץ ישראל האט גיהאלפען צו אברהם ער זאל האבען קינדער. אבער אז ער וואלט גיווענדט זיין ארט ניט אין ארץ ישראל וואלט איהם גאר ניט גיהאלפען. נאך האט רבי יצחק גיזאגט יעדער מענטש מוז גיין זעהן דעם פנים פון זיין רבי אום יום טוב. ווארום עס שטייט אין פסוק דער מאן פון די שונמית הט גיזאגט צו זיין ווייב ווארום גייסטו היינט צו אלישע. היינט איז דאך ניט ראש חודש אונ ניט שבת. אבער אום ראש חודש אונ אום שבת וואלט זיא יא גידארפט גיין צו אלישע:

**יד** ואמר. נאך האט רבי יצחק גיזאגט יעדער מענטש דארף זיך טובל זיין ערב יום טוב אין א מקוה. אונ ער דארף זיין געהיט אגאנץ יום טוב ער זאל ניט טמא ווערין. ווארום עס שטייט אין פסוק איר זאלט ניט אן רירען א נבלה. זאגט די גמרא מיר האבען אויך אזוי גילערונט. עס שטייט אין פסוק איר זאלט ניט אן רירען א נבלה. וואלט איך ווערין מיינען אז ישראלים זענען פאר באטין זיי זאלען ניט אן רירען א נבלה. זאגט דער פסוק זאג צו די כהנים די קינדער פון אהרן זיי זאלען ניט טמא ווערין פון א מת. הט די תורה פר באטען נאר צו די כהנים זיי זאלין ניט טמא ווערין פון א מת. אבער ישראלים זענען ניט פאר באטין. ישראלים מעגין טמא ווערין פון א מת. איז דאך א קל וחומר. מאראך די טומאה פון א מת וואס זיא איז ארב. פון דעסטוועגין זענען אויף איר פאר באטין נאר כהנים זאלין ניט טמא ווערין. אבער ישראלים זענען ניט פאר באטין. זיי מעגין טמא ווערין פון א מת. דיא גרינגע טומאה פון א נבלה איז דאך גיוויס אז א ישראל מעג זיך צו איר מטמא זיין. נאר וואס דען הט די תורה גיזאגט א ישראל זאל ניט טמא ווערין פון א נבלה. דס מיינט מען נאר אום יום טוב.

אמר

שלשה ספרים. בספרי זכרון כל מעשה הבריות: ליום הדין. כשיהיו כמתים: רשעים גמורים. רוב עונות: בינונים. מחצה על מחצה:

**טו. אמר** ר' כרוספדאי אמר רבי יוחנן שלשה ספרים נפתחים בראש השנה אחד של צדיקים גמורים ואחד של רשעים גמורים ואחד של בינונים של צדיקים גמורים נכתבים ונחתמים לאלתר לחיים של רשעים גמורים נכתבים ונחתמים לאלתר למיתה ובינונים תלוים ועומדים מראש השנה עד יום הכפורים זכו נכתבים לחיים לא זכו נכתבים למיתה אמר רבי (אבהו) [אבין] מאי קראה (תהלים סט) ימחו מספר חיים ועם צדיקים אל יכתבו ימחו מספר זה ספרן של רשעים גמורים חיים זה ספרן של צדיקים גמורים. ועם צדיקים אל יכתבו זה ספרן של בינונים. רב נחמן בר יצחק אמר מהכא (שמות לב) ואם אין מחני נא מספרך אשר כתבת. מחני זה ספרן של רשעים גמורים. מספרך זה ספרן של צדיקים גמורים. אשר כתבת זה ספרן של בינונים:

**טז. תניא** בית שמאי אומרים שלשה כתות הן ליום הדין אחד של צדיקים גמורים ואחד של בינונים ואחד של רשעים גמורים של צדיקים גמורים נכתבין ונחתמים לאלתר לחיי העולם הבא של רשעים גמורים נכתבין ונחתמין לאלתר לגיהנם שנאמר (דניאל יב) ורבים מישני אדמת עפר יקיצו אלה לחיי עולם ואלה לחרפות לדראון עולם בינונים יורדים

---

**טו** אמר. רבי כרוספדאי האט גזאגט פון רבי יוחנן וועגין דריי ביכער ווערין געעפינט אום ראש השנה. אין איין בוך איז פאר שריבען וואס די אמתה צדיקים האבען גיטאהן דעם יאהר מצות אונ עבירות. אונ אין אנדערין בוך איז פאר שריבען וואס די אמתה רשעים האבין גיטאן דעם יאהר. מצות אונ עבירות. אונ אין דריטען בוך איז פאר שריבען וואס די מיטעלע מענטשין האבען גיטאהן דעם יאהר מצות אונ עבירות. דיא אמתה צדיקים ווערין באלד פאר שריבען אונ פאר חתמת צום לעבין. די אמתה רשעים ווערין באלד פאר שריבען אונ פר התמת צום שטארבען. מיט די מיטעלע מענטשין ווארט מען פון ראש השנה ביז יום כפור. אויב זיי האבען זוכה גיוועזן אין די צעהן טעג. זיי האבען גיטאהן תשובה. אדער זיי האבין גיטאהן נאך מצות. ווערין זיי פאר שריבען צום לעבין. אונ אויב זיי האבין ניט זוכה גיוועזן אין די צעהן טעג. זיי האבין ניט גיטאהן תשובה אונ האבין ניט גיטאהן נאך מצות. ווערין זיי פאר שריבען צום שטארבין. רבי אבין האט גזאגט פון וואנען ווייסין מיר אז עס איז דא דריי ביכער. עס שטייט אין פסוק ימחו מספר חיים ועם צדיקים אל יכתבו. ימחו מספר. זייא זאלין אפ גימעקט ווערין פון בוך. דאס מיינט מען פון דעם בוך וואס אין איהם זענען פר שריבען די אמתה רשעים. חיים. לעבין. דאס מיינט מען דעם בוך וואס אין איהם זענען פאר שריבען די אמתה צדיקים. ועם צדיקים אל יכתבו. אונ מיט צדיקים זאלין זייא ניט פר שריבען ווערין. דאס מיינט מען אין דעם בוך פון די מיטעלע מענטשין. רב נחמן בר יצחק זאגט פון דאנען ווייסען מיר אז עס איז דא דריי ביכער. עס שטייט אין פסוק משה רבינו האט גזאגט ואם אין מחני נא מספרך אשר כתבת. אויב ניט מחני. מעק מיך אפ פון דעם בוך דאס מיינט מען פון דעם בוך וואס אין איהם זענען פאר שריבען די אמתה רשעים. מספרך. פון דיין בוך. מיינט מען פון דעם בוך וואס אין אים זענען פר שריבען די אמתה צדיקים. אשר כתבת. וואס דו האסט געשריבען. מיינט מען פון דעם בוך וואס אין אים זענען פר שריבען דיא מיטעלע מענטשין:

**טז** תניא. מיר האבען גילערונט בית שמאי זאגין ווען די מתים וועלין לעבעדיג ווערין וועלין זיין דריי כתות צום משפט. איין כיתה פון אמתה צדיקים. אונ איין כיתה פון מיטעלע (העלפט מצות אונ העלפט עבירות): אונ איין כיתה פון אמתה רשעים. דיא כיתה פון אמתה צדיקים ווערין באלד פאר שריבן אונ פאר חתמת זייא זאלין לעבין אייביג. אונ דיא כיתה פון אמתה רשעים ווערין באלד פאר שריבען אונ פאר חתמת צום גיהנם. אזוי ווי עס שטייט אין

יורדים לגיהנם (דף יז) ומצפצפין ועולים שנאמר (זכריה יג) והבאתי את השלישית באש וגו' ועליהם אמרה חנה (ש"א ב) ה' ממית ומחיה וגו' . ובית הלל אומרים ורב חסד מטה כלפי חסד ועליהם אמר דוד (תהלים קיז) אהבתי כי ישמע ה' את קולי ועליהן נאמרה כל הפרשה כולה (שם) דלותי ולי יהושיע . פושעי ישראל בגופן ופושעי אוה"ע בגופן יורדין לגיהנם ונידונין בגיהנם ונידונין בה י"ב חדש לאחר י"ב חדש גופן כלה ונשמתן נשרפת ורוח מפזרתן (ונעשים אפר) תחת כפות רגלי הצדיקים שנאמר (מלאכי ג) ועסותם רשעים כי יהיו אפר תחת כפות רגליכם . אבל המינין והמסורות והמומרים והאפיקורסים ושכפרו בתורה ושכפרו בתחיית המתים ושפירשו מדרכי צבור ושנתנו חתיתם בארץ החיים ושחטאו ושהחטיאו את הרבים כגון ירבעם בן נבט וחבריו לגיהנם יורדין ונידונין בה לדורי דורות שנאמר (ישעיה סו) ויצאו וראו בפגרי האנשים הפושעים וגו' גיהנם כלה והם אינם כלים שנאמר (תהלים מט) וצורם

ומצפצפין . צועקים וצוחים מתוך יסוריהם שמע אתה ועולין : מטה כלפי חסד . כשהן חצה על מחצה כן מטה את הכרע לצד הזכות הואיל ואינן יורדין לגיהנם : בגופן . לקמיה מפרש :

אפיקורוס . מבזה ת"ח : שכפרו בתורה . והאומרים אין תורה מן השמים : שפירשו מדרכי הצבור . ל"ג דהיינו כל הני דלעיל וקא מתחשב בהדי עולם הוא וה"ג ליה התם ופי' שפירשו מדרכי הצבור כגון המינין והמסורות : מדרכי צבור . מדרכי ישראל : ושנתנו . חתיתם .

---

פסוק אונ פיל מענטשין פון די וואס שלאפין אין די ערד וועלין זיך אויף וועקין . די וועלין זיין צום אייביגען לעבין . אונ דיא וועלין זיין צום אייביגען שאנד . דיא מיטילע מענטשין וועלין נידערין אין גיהנם . אונ וועלין שרייען פון די גרויסע יסורים וואס זיי וועלין דארט האבין . אונ וועלין צוריק ארויף קומען . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק די דריטע כיתה וועל איך ברייננען אין פייער אונ וועל זיי לייטערין וויא מען לייטערט זילבער אונ גאלד . ער וועט רופען מיין נאמען אונ איך וועל איהם ענפערין . איך וועל זאגין ער איז מיין פאלק . אונ ער וועט זאגין גאט איז מיין גאט . אונ אויף זיי האט חנה גיזאגט גאט מאכט דעם מענטשין טויט אונ מאכט איהם לעבעדיג . ער ברייננט איהם אריין אין גיהנם אונ ברייננט איהם אויף פון גיהנם . אונ בית הלל זאגין גאט ווס ער טוהט פיל חסדים אז ער זעהט א מענטש וואס ער איז הלפט מצות אונ העלפט עבירות . בייגט ער איין די וואג שאל צו די מצות ער זאל געמשפט ווערין צו גוטען . אויף זיי האט דוד המלך גיזאגט איך האב ליב אז גאט הערט מיין קול . אונ דעם קפיטל ביז צום סוף . די יודען וואס זינדיגען מיט דעם גוף אין די זאכין וואס זענען דער עיקר אמונה . אונ די פעלקער וואס זינדיגען מיט דעם גוף אין די זאכין וואס זענען דער עיקר אמונה . זיי וועלין נידערין אין גיהנם אונ וועלין געמשפט ווערין אין גיהנם צוועלף חדשים . נאך די צוועלף חדשים ווערט פארקלענדט זייער גוף . אונ זייערע נשמות ווערין פאר ברענט . אונ דער ווינט פרשפרייט זיי אונטער די פיס פון די צדיקים . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק די רשעים וועלין צו טרעטין ווערין אונ זיי וועלין זיין אזוי וויא אש אונטער אייערע פיס . אבער די מינים וואס פאר קערין די רייד פון גאט צו שלעכטס . אונ דיא וואס מסרין יודין פארש אונ זענען גורם אז דיא עכו"ם זאלין צו נעמען דאס געלט צו גוים : והסומרים . אונ די וואס האבין זיך גישמדת אויף להכעיס . והאפקורסים . אונ די וואס לאכין אונ פאר שעמען תלמידי חכמים . אונ די וואס זאגין אז דיא תורה איז ניט גיגעבין גיווארין פון גאט . אונ די וואס זאגין אז די מתים וועלין ניט לעבעדיג ווערין ,

אונ די וואס גיבען זייער מורא אויף די לעבעדיגע מענטשין . זיי ווילען אז מענטשין זאלין פאר זיי מורא האבין . אונ די וואס האבין גזינדיגט אונ האבען גימאכט זינדיגען נאך פיל מענטשין . אזוי וויא ירבעם בן נבט מיט זיינע חברים האבין גיטאהן . דיא אלע וועלין נידערין אין גיהנם אונ וועלין דארט געמשפט ווערין אויף אייביג . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זיי וועלין ארויס גיין אונ וועלין זעהן די פגרים פון די מענטשין וואס האבין גזינדיגט צו מיר .

זייערע

תפרע נקמיה : ולרס . כמו ולורתס : פסטו ידיהם בזבול . שהחריבו בית המקדש בעונם : בני מחוזא . מעונגים ומפנקים היו : ומקרי בני גיהנם . כך יקראו להם : והאמרת לית להו תקנתא . דנפשין אפר וכאן כתיב והפשעים כצרוף את הכסף שימרקו יסוריהן את עונם :

וצורם לבלות שאול (מזבול לו) וכל כך למה לפי שפשטו ידיהן בזבול שנאמר מזבול לו ואין זבול אלא בית המקדש שנאמר (מ"א ח) בנה בניתי בית זבול לך וגו' . (אמר מר) ועליהם אמרה חנה (ש"א ב) (ה' ממית ומחיה) (שם) (ה' יחתו מריביו] . אמר רב יצחק בר אבין ופניהם דומין לשולי קדרה אמר רבא ואינהו משפירי שפירי בני מחוזא ומקריין בני גיהנם . אמר מר בית הלל אומרים ורב חסד מטה כלפי חסד והכתיב (זכריה יג) והבאתי את השלישית באש התם (עון) דפושעי ישראל בגופן והאמרת לית להו תקנה התם ברובא עונות הכא במחצה עונות ומחצה זכיות (וה"ק אי הוי כחצה עונות) ואית ביה [נמי] עון דפושעי ישראל בגופם לא סגי ליה דלאו והבאתי את השלישית באש ואם לאו ורב חסד מטה כלפי חסד ועליהם אמר דוד (תהלים קיז) אהבתי כי ישמע ה' וגו':

דרש

---

זייערע הערים וועלין ניט פיגערין אונ זייער פייער וועט ניט פארלאשין ווערין . דער גיהנם וועט פאר לענדט ווערין אונ זיי וועלין ניט פאר לענדט ווערין . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק זייער צורה וועט איבער לעבין דעם גיהנם . פאר וואס וועט דאס אזוי זיין ; ווייל זייא האבען מיט זייערע עבירות וואס זיי האבען גיטאהן מיט זייערע הענט חרוב גימאכט דעם בית המקדש . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק מזבול לו . אונ זבול מיינט מען דעם בית המקדש . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק שלמה המלך האט גזאגט בנה בניתי בית זבול לך . איך האב גיבאט פאר דיר א בית זבול . א בית המקדש . אונ אויף זיי הט חנה גזאגט יי' יחתו מריביו . די וואס קריגען אויף גאט וועלין צו בראכין ווערין . רב יצחק בר אבין האט גזאגט די מענטשין וואס גייען ארויס פון גיהנם זייער פנים זעהט אוים אזוי שווארץ ווי דער אונטערשטער עק פון א טאפ . רבא האט גזאגט דאס זענען די שענסטע מענטשין פון מחוזא . די מענטשין פון מחוזא וועלין אזוי פאר שווארצט ווערין אין גיהנם . אונ זיי ווערין גירופען בני גיהנם . גיהנם מענטשין . זאגט די גמרא פריער האבען מיר גילערנט אז בית הלל זאגין גאט וואס ער טוהט פיל חסדים אז ער זעהט א מענטש וואס ער איז העלפט מצות אונ העלפט עבירות . בייגט ער איין די וואג שאל צו די מצות ער זאל גע משפט ווערין צו גוטען . עס שטייט דאך אין פסוק גאט זאגט איך וועל ברייגגען די דריטע כיתה וואס זענען העלפט מצות אונ העלפט עבירות אין פייער . ענפערט די גמרא די דריטע כיתה מיינט מען אז זיי האבין גיטאהן מיט זייער גוף אזעלכע עבירות וואס זיי זענען דער עיקר אמונה . פרעגט די גמרא דו האסט דאך גיזאגט אז די מענטשין וואס האבין גיטאהן מיט זייער גוף אזעלכע עבירות וואס זייא זענען דער עיקר אמונה . גייען קיין מאהל ניט ארוים פון גיהנם . אונ אין דעם פסוק שטיים דאך אז דיא דריטע כיתה וועלין יא ארוים קומען פון גיהנם . ענפערט די גמרא אזוי מיינט מען . דער מענטש וואס האט עבירות מער ווי מצות . אונ צווישען דיא עבירות איז דא אזעלכע עבירות וואס זיי האבין גיטאהן מיט זייער גוף אין דעם עיקר אמונה . דער ווערט געמשפט אין גיהנם אייביג . אונ דער מענטש וום הט העלפט מצות אונ העלפט עבירות . אונ צווישען די עבירות איז דא אזעלכע עבירות וואס זיי האבען גיטאהן מיט זייער גוף אין דעם עיקר אמונה . אויף דעם זאגט דער פסוק איך וועל ברייגגען די דריטע כיתה אין גיהנם . אונ זיי וועלין דארט געמשפט ווערין . אונ וועלין ארוים קומען פון גיהנם אונ דער וואס הט העלפט מצות אונ העלפט עבירות אונ צווישען די עבירות איז ניט דא אזעלכע עבירות וואס זענען גיטאהן גיווארין מיט דעם גוף אין עיקר אמונה . אויף דעם זאגין בית הלל גאט טוהט מיט איהם חסד אונ בייגט אראפ זיין וואג שאל צו די מצות אונ ער ווערט געמשפט צו גוטען . אונ אויף אזעלכע מענטשין הט דוד המלך גיזאגט איך האב ליב אז גאט הערט מיין קול ביז צום סוף קפיטל :

דרש

**יז דרש** רבא מאי דכתיב (שם) אהבתי כי ישמע ה' אמרה כנסת ישראל לפני הקב"ה רבונו של עולם אימתי אני אהובה לפניך בזמן שאתה שומע בקול תחנוני. דלותי ולי יהושיע אעפ"י שדלה אני במצות לי נאה להושיע. פושעי ישראל בגופן מאי ניהו אמר רב קרקפתא דלא מנח תפילין. פושעי אוה"ע בגופן אמר רב בעבירה. ושנהנו חתיתם בארץ החיים אמר רב חסדא זה פרנס המטיל אימה יתירה על הצבור שלא לשם שמים. אמר רב יהודה אמר רב כל פרנס שמטיל אימה יתירה על הצבור שלא לשם שמים אינו רואה בן ת"ח שנאמר (איוב לז) לכן יראוהו אנשים לא יראה כל חכמי לב:

דלה אני במצות. כגון בינונים שאין זכיותיהם מכריעים לתלות להם בזכותם: לי יהושיע. להטות כלפי חסד: אמר רב יהודה גרסינן ולא גרסינן דאמר: כובש. אלא כף המאזנים של זכות ומכריעין את העונות: יכבוש עונותינו. יכריעו כנו (מטמין מן העונות תחת כסא הכבוד כדי שיכריע את הזכיות כובש כמו ריבא בכובשא בהדי כבשי דרחמנא למה לך): נושא. מגביה כף מאזנים של עון (כדי שיהו הזכיות מכריעות ומשקלות יפה כלפי הקרקע): מעביר ראשון ראשון. עון בבראשונים שנאים לתתם בכף מעבירו ומשמטו ואם

**יח אמר** מר וב"ה אומרים ורב חסד מטה כלפי חסד היכי עביד רבי אליעזר אומר כובש שנאמר (מיכה ז) ישוב ירחמנו יכבוש עונותינו וגו' רבי יוסי בר חנינא אומר נושא שנאמר (שם) נושא עון ועובר על פשע תנא דבי רבי ישמעאל מעביר ראשון ראשון וכך היא המדה

---

**יז** דרש. רבא האט גידרשת וואס מיינט דער פסוק איך האב ליב אז גאט הערט מיין קול. די יודין זאגין פאר גאט רבונו של עולם ווען ווייס איך אז איך בין געליבט פאר דיר. ווען דוא הערסט דעם קול פון מיין גיבעט. דלותי ולי יהושיע. אפילו ווען איך בין ארעם פון דעסטוועגין איז אויך שיין דוא זאלסט מיר העלפין. פרעגט די גמרא וואס הייסט ביא איוד אעבירה וואס ער הט גיטאהן מיט זיין גוף אין עיקר אמונה. האט רב גיזאגט אז אויף זיין קאפ איז ניט גילעגין תפלין. ווארום די פיר פרשיות וואס ליגען אין די תפלין אין זיי איז געשריבען די גאנצע אמונה פון איודין. אונ אז ער לייגט ניט תפלין גלויבט ער דאך ניט אין דיא זאכין וואס זענען געשריבען אין די פרשיות פון די תפלין. אונ וואס הייסט ביא איין עכו"ם אעבירה וואס ער טוהט מיט זיין גוף אין עיקר אמונה. האט רב גיזאגט אז ער איז מזנה מיט אאשת איש. ואפילו ער גלויבט אז גאט האט בשאפין די וועלט. נאר ער איז מזנה. דאס איז אויך אעבירה אין עיקר אמונה. ווארום דער מבול איז אויך גיקומען אויף די עבירה פון זנות. זאגט די גמרא פריער איז גישטאנען די מענטשין וואס גיבען זייער מורא אויף מענטשין. זייא ווילען אז מענטשין זאלין פאר זיי מורא האבין. זיי ווערין פאר לענדט ווערין אין גיהנם. האט רב חסדא גיזאגט דאס מיינט מען אז דער פירער פון אשטאט וואס ווארפט אצוגרויסע מורא אויף די מענטשין פון שטאט ניט פון גאטסוועגין. ווערט ער ניט האבין אזוהן אתלמיד חכם. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דריבער וייל ער וויל מענטשין זאלין פאר איהם מורא האבין. ווערט ער ניט זעהן זייע קינדער זאלין האבין קלוגע הערצער:

**יח** אמר. דער תנא האט פריער גיזאגט בית הלל זאגין וויל גאט טוהט פיל חסדים ביינט ער דעם משפט פון דעם מיטעלען מענטש וואס האט העלפט עבירות אונ העלפט מצותו צו נוטען. וויא אזוי טוהט גאט. רבי אליעזר זאגט מען לייגט אריין די עבירות אין איין וואג שאל אונ די מצות אין אנדערין וואג שאל. אונ גאט ציהט אראפ דיא שאל וואס אין איהר ליגען די מצות. ווענין די מצות שווערער ווי די עבירות. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ישוב ירחמנו יכבוש עונותינו: גאט ווערט זיך אומקערין צו אונז אונ ווערט אויף אונז רחמנות האבין. ער ווערט נעמען אביסעל עבירות פון די שאל אונ ווערט זיי בעהאלטין די שאל מיט דיא מצות זאל אראפ שווערין. רבי יוסי בר חנינא זאגט גאט הייבט אויף די שאל מיט עבירות אין דער הייך. די שאל מיט די מצות זאל אראפ שווערין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק נושא עון. גאט הייבט אויף די עבירות. דבי רבי ישמעאל האבין גילערנט ווען מען קומט אריין לייגין

די

המדה אמר רבא ועון עצמו אינו נמחק דאי איכא רובא עונות מיחשיב בהדייהו . אמר רבא כל המעביר על מדותיו מעבירין לו על כל פשעיו שנאמר נושא עון ועובר על פשע למי נושא עון למי שעובר על פשע . רב הונא בריה דרב יהושע חלש על רב פפא לשיולי ביה חזא דתקיף ליה עלמא אמר להו עבידו ליה זוודתא לסוף איתפח הוה קא מיכסיף רב פפא למחזיה אמרי ליה מאי חזית אמר (ליה) [נ"א להו] אין הכי הוה ואמר להו הקב"ה הוא'ל ולא כוקים במיליה לא תקומו בהדיה שנאמר (מיכה ז) (מי אל כמוך) נושא עון ועובר על פשע [למי נושא עון לעובר על פשע. (שם) לשארית נחלתו] אמר רב אחא בר חנינא אליה וקוץ בה לשארית נחלתו ולא לכל נחלתו למי שמשים עצמו כשירים :

ויעבור

דין מחלה על מחלה כיון שהבר אחד מהם יכריעו הזכיות : וכך היא המדה. המנהג : ועון עצמו אינו נמחק . אלא ממין לצד אחד : דאי איכא רובא עונות (שאם לא יכריעו הזכיות עליו ויהיו מחלה על מחלה מכלל דרובא עונות הוה) כבדי הוות עון מיחשב בהדייהו למנות עם רשעים גמורים : המעביר על מדותיו . שאינו מדקדק למדוד מדה כנגד מדה למצערים אותו אלא מניח מדותיו והולך לו כמו אין מעבירין על המצות וכמו אין מעבירין על האוכלין מניחן והולך לו : מעבירין לו על פשעיו . אין מדת הדין מדקדקת אחריו אלא מניחתן והולכת : עבידו ליה זוודתא . הכינו לו צדה לדרך זמה כיא לדת המתים תכריכין : איתפח : נתרפא : הכי הוי . מיתה נקנסה עליו : לא מוקים במיליה . אינו (עומד במדותיו) ומעמיד על מדותיו : לא תקומו בהדיה . לא תדקדקו אחריו : אליה . שמנה יש כאן : וקוץ בה . כלומר דבר הנהומין יש כאן אבל יש בתוכה דבר קשה שאינו טוב לכל אלא למי כשיריים :

---

די עבירות אין דעם וואג שאל . נעמט גאט אוועק די ערשטע עבירה : אונ אויב דער מענטש האט גיהאט העלפט עבירות אונ העלפט מצות . אז מען נעמט אוועק די ערשטע עבירה . בלייבין דאך מצות מער ווייא עבירות . אונ אזוי איז דער פירונג פון גאט . רבא זאגט די עבירה ווערט ניט אפ גימעקט . נאר אויב דער מענטש האט אן די עבירה . עבירות גלייך ווי מצות . לייגט מען צוריק די עבירה צו אלע עבירות . האט ער עבירות מער ווייא מצות . הייסט ער ארשע . רבא זאגט דער מענטש וואס זוכט ניט צו טאהן שלעכטס צו די מענטשין וואס האבין גיזינדיגט צו אידם . נאר ער לאזט זייא גיין בשלום . אפילו אז ער קען זייא טאהן שלעכטס טוהט ער אויך ניט . לאזט מען אידם אויך גיין אויף דער וועלט בשלום אונ מען טוהט אידם ניט קיין שלעכטס אויף זיינע עבירות . וואס ער האט גיזינדיגט צו גאט . אזוי ווייא עס שטייט אין פסוק נושא עון ועובר על פשע . וועמע עבירות טראגט גאט אונ ער שטראפט ניט אויף זיי . פון דעם מענטשין וואס טראגט זיינע עבירות וואס אנדערע מענטשין טוהען צו אידם . אונ ער שטראפט אויך ניט אויף זיי . רב הונא בריה דרב יהושע איז קראנק גיווארין : איז רב פפא אריין גיגאנגען צו אידם פרעגין וואס ער מאכט . האט רב פפא גיזעהן אז רב הונא איז קראנק צום שטארבין אונ ער וועט באלד אוועק גיין פון דער וועלט . האט רב פפא גיזאגט צו דיא מענטשין פון שטוב אידר זאלט אן גרייטין פון זיינעטוועגין תכריכין : דער נאך איז רב הונא געזונד גיווארין . האט רב פפא זיך גישעמט צו גיזעהן ווערין פאר רב הונא . האט מען גיפרעגט ביי רב הונא וואס האסטו גיזעהן אין דיין קראנקייט : האט רב הונא גיזאגט עס איז טאקי אזוי גיוועזן . איך האב גידארפט שטארבין . נאר גאט האט גיזאגט ווייל רב הונא זוכט ניט צו טאהן שלעכטס צו די מענטשין וואס זינדיגען געגין אידם . זאלט אידר אויך ניט זוכען אידם שלעכטס צו טאהן . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק נושא עון ועובר על פשע . וועמעס עבירות טראגט גאט אונ ער שטראפט ניט אויף זיי . פון דעם מענטשין וואס טראגט זיינע עבירות וואס אנדערע מענטשין טוהען צו אידם : אונ ער שטראפט אויך ניט אויף זייא . אין פסוק שטייט לשארית נחלתו . האט רב אחא בר חנינא גיזאגט אין דעם פסוק נושא עון ועובר על פשע איז דא אגוטע זאך אונ אפעטע אזוי ווייא דער ווידיל פון אשעפס . עס איז אבער דא אדארין אויך אין דער זאך . מען טראגט נאר די עבירות פון שארית נחלתו . פון די מענטשין וואס זענען ביי זיך אזוי קליין אונ נידעריג אז זיי מיינען זיי זענען גאר איבעריג אויף דער וועלט . אונ דריבער שטראפט ער ניט דעם וואס זינדיגט געגין אידם . אבער דער מענטש וואס איז גרויס בייא זיך . אונ דריבער שטראפט ער ניט צו די וואס זינדיגען געגין אידם . ווייל ער טראכט ביי

ויך

(ע"ב) יטו ויעבור ה' על פניו ויקרא (שמות לד) אר"י אלמלא מקרא כתוב אי אפשר לאומרו מלמד שנתעטף הקב"ה כשליח צבור והראה לו למשה סדר תפלה אמר לו כל זמן שישראל חוטאין (לפני) יעשו לפני כסדר הזה ואני אמחול להם עונותיהם. (שם) ה' ה' אני הוא קודם שיחטא אדם אני הוא לאחר שיחטא אדם ויעשה תשובה . אל רחום וחנון ארך אפים ורב חסד ואמת אמר רב יהודה ברית כרותה לי"ג מדות שאינן חוזרות ריקם שנאמר (שם) הנה אנכי כורת ברית גו' [אולפי ואכרי לה] אילפא רמי כתיב (שם) ורב חסד וכתיב (שם) ואמת בתחלה אמת ולבסוף ורב חסד . ר' אלעזר רמי כתיב (תהלים סב) ולך ה' חסד וכתיב (שם) כי אתה תשלם לאיש כמעשהו . בתחלה כי אתה תשלם לאיש כמעשהו ולבסוף ולך ה' חסד . רב הונא רמי כתיב (שם קמה) צדיק ה' בכל דרכיו וכתיב (שם) וחסיד בכל מעשיו , בתחלה צדיק ולבסוף חסיד :

כ אמר רבי יוחנן גדולה תשובה שמקרעת גזר דינו של אדם שנאמר (ישעיה ו) השמן לב העם הזה [ואזניו הכבד ועיניו השע פן יראה בעיניו ובאזניו ישמע

כ' ה'. מדת רחמים הוא אני מרחם קודם שיחטא ואני מרחם לאחר שיחטא אם ישוב : ברית כרותה לי"ג מדות. הללו כשהן מזכירים ישראל בתפלת תעניתם אינם חוזרות ריקם : הנה אנכי כורת ברית. על האמור למעלה : ולבסוף. כשרואה שאין העולם מתקיים בדין : צדיק. במשפט אמת : חסיד. נכנס לפנים מן השורה :

---

זיך זיי קענען מיר גאר ניט טאהן מיט זייערע רייד . אונ עס איז ניט שיין פאר מיר איך זאל מיך מיטען מיט אזעלכע מענטשין ; זיינע עבירות טראגט ניט גאט וועין רייף בע"ו :

יטו ויעבור . אין פסוק שטייט גאט איז גיגאנגען פאר דעם פנים פון משה אונ האט גילייענט דיא דרייצעהן מדות . רבי יוחנן האט גזאגט ווען דער פסוק וואלט ניט געשריבען גיוואורין . וואלטין מיר דאס גאר ניט גיקענט זאגין . דער פסוק לערונט אונז אז גאט האט זיך איינגעוויקעלט אין אטלית אזוי ווי אחזן וואס דאווינט פאר דעם עמוד . אונ ער האט געוויזען צו משה רבינו ווי אזוי מען זאל תפלה טאהן פאר איהם . אונ גאט האט גזאגט צו משה רבינו ווען די יודין וועלין זינדיגען זאלין זיי אזוי טאהן פאר מיר וועל איך זיי מוחל זיין זייערע עבירות . אין פסוק שטייט יי יי ; גאט זאגט איך האב רחמנות אויף דעם מענטש איידער ער זינדיגט פאר מיר . אונ ניט אוועק גיין ליידיג . נאר גאט וועט זיי העלפין . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק הנה אנכי כורת ברית . גאט זאגט צו משה איך בין מיט דיר כורת ברית . איך זאג דיר צו . אויף די דרייצעהן מדות מיינע . אז דורך זיי וועל איך רחמנות האבין אויף די יודין . אולפי . אונ אנדערע זאגין אילפא האט גיפרעגט . עס שטייט ורב חסד . גאט טוהט חסד מיט דעם מענטש . אפילו ער איז ניט ווערט . אונ עס שטייט ואמת . גאט טוהט נאר ווי דער אמת איז . נאר אזוי איז . אין אנהייב גייט גאט מיט אמת . אז גאט זעהט מען וועט ניט קענען בשטיין מיט דעם אמתין דין ; האט גאט רחמנות אונ טוהט חסד . רבי אלעזר האט גיפרעגט עס שטייט אין פסוק ולך יי חסד . צו דיר גאט איז דער חסד . דו טוהסט חסד מיט אלע מענטשין . אונ עס שטייט דו בצאהלסט צום מענטשין אזוי ווי ער הט גיטאהן . נאר אין אנהייב בצאלט גאט צום מענטשין אזוי ווי ער האט גיטאהן . נאר אז דער מענטש קען ניט אויס האלטען דעם דין אונ ער טוהט תשובה . טוהט גאט מיט איהם חסד . רב הונא האט גיפרעגט אין פסוק שטייט צדיק יי בכל דרכיו . אלע וועגין פון גאט זענען מיט גירעכטיגקייט . מיט אמת . אונ עס שטייט וחסיד בכל מעשיו . אלץ וואס גאט טוהט איז מיט חסד . נאר אין אנהייב משפט גאט מיט אמת . אונ דער נאך אז דער מענטש קען ניט אויס האלטען דעם דין אונ ער טוהט תשובה . טוהט גאט מיט איהם חסד :

כ אמר . רבי יוחנן האט גזאגט תשובה איז גרויס זיא צורייסט דעם גזר דין פון אמענטשין . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק די הארץ פון דעם פאלק איז פעט . אונ זיינע אויערין זענען שווער . אונ זיינע אויגין זענען בקלעבט . טאמער וועט ער זעהן מיט זיינע אויגין

ביניהם. בין ר"ה ליוה"כ: ועתים לטובה. פעמים שהעתים הנהוגים לסוף רעה לטובה היא לסקל מעליהם מן הפורענות הנגזר עליהם בר"ה: ופעמים שהיא לרעה. לפחות מן הטובה שפסקו לה: על המקום שאינה צריכה להם. על המדבר ועל הכרמים ועל הנגבות: שלא בזמנן. לפני הזריעה: ועל הארץ

ישמע ולבבו יבין ושב ורפא לו] א"ל רב פפא לאביי ודלמא קודם גזר דין א"ל (ושב) ורפא לו כתיב איזהו דבר שצריך רפואה הוי אומר זה גזר דין. מיתיבי השב בינתים מוחלין לו לא שב בינתים אפילו הביא כל אילי נביות שבעולם אין מוחלין לו. לא קשיא הא ביחיד הא בצבור. מיתיבי (דברים יא) תמיד עיני ה' אלהיך בה מראשית וגו' עתים לטובה ועתים לרעה עתים לטובה כיצד הרי שהיו ישראל רשעים גמורים בראש השנה ופסקו להם גשמים מועטים לסוף חזרו בהם להוסיף עליהם אי אפשר שכבר נגזרה גזרה אלא הקב"ה מורידן בזמנן על הארץ שצריכה להם הכל לפי הארץ. עתים לרעה כיצד הרי שהיו ישראל צדיקים גמורים בראש השנה ופסקו להם גשמים מרובין לסוף סרחו לפחות מהן אי אפשר שכבר נגזרה גזרה אלא הקב"ה מורידן שלא בזמנן על הארץ שאינה צריכה להם לטובה מיהא

ליקרע

---

אויגן. אונ וועט הערין מיט זיינע אויערין. אונ זיין הארץ וועט פאר שטיין. אונ ער וועט תשובה טאהן וועט ער גיהיילט ווערין. האט רב פפא גזאגט צו אביי טאמער שמועסט דער פסוק אז די תשובה איז גיוועזן פאר דעם גזר דין. האט אביי גזאגט עס שטייט דאך אין פסוק ורפא לו. ער וועט גיהיילט ווערין. וועלכע זאך דארף האבען אהיילונג. די זאך וואס איז קראנק גיוועזן. אונ אז עס איז שוין גזר גיווארין אויף אמענטשין ער זאל קראנק ווערין אדער ער זאל שטארבען אונ ער טוהט תשובה אונ ער בלייבט לעבין אונ גיזונד: הייסט דאס ער איז גיהיילט גיווארין. אבער אז אויף איהם איז נאך נאר ניט גזר גיווארין ער זאל קראנק ווערין. דארף ער דאך ניט גיהיילט צו ווערין. פרעגט דיא גמרא מיר האבען דאך גילערינט אז אמענטש טוהט תשובה אין די צעהן טעג וואס צווישען ראש השנה אונ יום כפור. איז מען איהם מוחל. אבער אז ער האט ניט תשובה גיטאהן אין דיא צעהן טעג וואס צווישען ראש השנה אונ יום כפור. אפילו ער האט גיבראכט נאך יום כפור אלע שעפסין פון נביות פאר קרבנות איז מען איהם ניט מוחל. ווייל עס איז שוין נאך דעם גזר דין. זאגט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא. אז דער גזר דין איז גיוועזן אויף איין מענטש אונ ער טוהט תשובה נאך דעם גזר דין איז מען איהם ניט מוחל. אבער אז דער גזר דין איז גיוועזן אויף פיל מענטשין. למשל אויף אגאנצע שטאט. אונ אלע טוהען תשובה. אפילו נאך דעם גזר דין איז מען אויך מוחל. פרעגט די גמרא עס שטייט אין פסוק די אויגען פון גאט זענען אייביג אויף די לאנד (ארץ ישראל) פון אנהייב יאהר ביז צום סוף יאהר. אמאהל איז דער סוף יאהר צו גוטען. אונ אמאהל איז דער סוף יאהר צו שלעכטין. וויא אזוי איז דער סוף יאהר צו גוטען. אויב די יודין זענען גיוועזן אין אנהייב יאהר. אום ראש השנה. אמתה רשעים. האט מען זיי צו גזאגט ווייניג רעגין. אין סוף יאהר האבען זיי גיטאהן תשובה. מען זאל געבין מער רעגין קען מען ניט. עס איז אמאהל גזר גיווארין ווייניג רעגין. נאר גאט מאכט אז די ביסול רעגין זאל גינוג זיין. עס רעגינט נאר ווען מען דארף נייטיג. אונ נאר אויף די ערד וואס זי דארף דעם רעגין. אויף פעלדער אונ וויין גערטנער אונ גערטנער. אונ ווי די ערד איז. די ערד וואס האט גינוג ווייניג רעגין. רעגינט אויף איר ווייניג. אונ די ערד וואס דארף מער רעגין רעגינט אויף איר אביסול מער. די גזרה פון גאט בלייבט. עס גייט ווייניג רעגין אונ די ערד האט ניט קיין שאדין. די תבואה וואקסט אזוי וויא אין בעסטין יאהר. וויא אזוי איז דער סוף יאהר צו שלעכטין. אויב די יודין זענען גיוועזן אין אנהייב יאהר. אום ראש השנה. אמתה צדיקים. האט מען זיי צו גזאגט פיל רעגין. אין סוף יאהר האבען זיי געזינדיגט. מען זאל געבין ווייניגער רעגין קען מען ניט. עס איז איין מאהל צוא גזאגט

גיווארין

ליקרע לגזר דינייהו ולוסיף להו . שאני התם דאפשר בהכי . ת"ש (תהלים קז) יורדי הים באניות עושי מלאכה במים רבים הכה ראו מעשי ה' וגו' ונפלאותיו במצולה ויאמר ויעמד רוח סערה וגו' יעלו שמים ירדו תהומות וגו' יחוגו וינועו כשכור וגו' ויצעקו אל ה' בצר להם וגו' יודו לה' חסדו ונפלאותיו לבני אדם הקב"ה עשה להם סימניות כאכין ורקין שבתורה לומר לך צעקו קודם גזר דין נענין לאחר גזר דין לא נענין . הני נמי כיחידין דמו . ת"ש שאלה בלוריא הגיורת את ר"ג כתוב בתורתכם (דברים י) אשר לא ישא פנים ולא יקח שחד . וכתיב (במדבר ו) ישא ה' פניו אליך (וישם לך שלום) . נטפל לה ר' יוסי הכהן א"ל אמשול לך משל למה"ד לאדם שנושה בחברו מנה וקבע לו זמן בפני המלך ונשבע לו בחיי המלך הגיע זמן ולא נתן לו כלום בא לפייס המלך אמר לו עלבוני מחול לך לך ופייס את חברך אף הכא נמי כאן בעבירות שבין אדם לחברו כאן

טליה צריכה להם . ביערות ובמדברות : סימניות בין פסוק לפסוק יש סימניות הפוכין כזה : ] : כאכין ורקין . כמין לדרשה למעט הדבור כאכין ורקין

---

גיוואָרין פיל רעגין . נאר גאט שיקט דעם רעגין אין אזוי אצייט ווען מען באַרף איהם ניט . אונ אויף אַזעלכע ערד וואס זיי באַרפען ניט דעם רעגין . אין אלע וויסטע ערטער . איז דאָך די קשיא ווען גאט וויל דעם יאהר פאר בעסערין . זאל ער צו רייסען דעם גזר דין . אונ זאל געבין מער רעגין . ענטפערט די גמרא צו וואס זאל מען דא צו רייסען דעם גזר דין אונ געבין מער רעגין אז מען קען מאכען מען זאל אים קומען מיט דעם מיכור רעגין . פרעגט די גמרא עס שטייט אין פסוק די מענטשין וואס נידערין מיט שיפען אויף דעם ים . אונ זיי טוהען זייער ארבעט אין דעם פילען וואסער . זיי זעהן די ווערק פון גאט . אונ זיינע וואונדער זעהן זייא אין דער טיפעניש . אז גאט זאגט שטעלט זיך אויף אשטורעם ווינד . דיא שיפען הייבען זיך אויף ביז צום היכעל אונ דער נאך נידערין זיי ביז צום אבגרונד . די מענטשין שאקלען זיך אין די שיפען אזוי ווי א שכור : אונ אז זיי איז שלעכט גיוואָרין האבען זייא געשריגען צו גאט אונ אז גאט העלפט זיי לויבין זיי צו גאט פאר זיין חסד וואס ער האט מיט זיי גיטאהן . אונ זיי דער ציילען די וואונדער פון גאט צו פיל מענטשין : ביי די פסוקים הט גאט גישטעלט ציכונים . פאר קערטע נונ'ין . אזוי וויא די צוויי ווערטער אך אונ רק וואס שטייען אין דיא תורה . קומען ווייניגער צו מאכען דיא זאך : אזוי דיא פאר קערטע נוני"ן קומען אויך ווייניגער צו מאכען די זאך : צו זאגין דיר אויב זיי האבען געשריגען פאר דעם גזר דין . ווערין זייא גיענטפערט . אבער נאך דעם גזר דין ווערין זיי ניט גיענטפערט : זעהן מיר דאך אז תשובה צוא רייסט ניט דעם גזר דין . ענטפערט די גמרא די מענטשין פון שיף הייסען איינצעלנע מענטשין . אונ מיר האבען דאך פריער גזאגט אז איינצעלנע מענטשין קענען ניט צו רייסען א גזר דין . פרעגט די גמרא די אשה בלוריא וואס הט זיך מגייר גיוועזן הט אמאהל גיפרעגט צו רבן גמליאל עס שטייט אין אייער תורה אשר לא ישא פנים ולא יקח שוחד . גאט וועט ניט טראגין זיין פנים צו אמענטש . ער קוקט ניט אויף דעם פנים פון אמענטש . ביי איהם זענען אלע מענטשין גלייך . אונ ער נעמט ניט קיין שוחד . מוחל צו זיין די עבירות . אונ אין אנדערין פסוק שטייט ישא יי פניו אליך . גאט וועט טראגין זיין פנים צו דיר אונ וועט דיר מוחל זיין דיא עבירות . איז רבי יוסי הכהן גיגאנגען צו די אשה אונ האט צו איר גזאגט איך וועל דיר זאגין אמשל אמענטש האט אמאהל גיבאגט ביי זיין חבר הונדערט גילדין . הט דער חבר אוים גיזעצט אצייט ווען ער זאל בצאהלען . אונ דאס איז גיוועזן פאר דעם מלך . דער מלך איז גישטאנען דער ביי . אונ ער האט גישוואָרין ביי דעם לעבין פון מלך . אז ער זאל בצאהלען צו דער צייט . דער נאך איז גיקומען די צייט אונ ער האט איהם גאר ניט גיגעבין . ער האט ניט בצאהלט דעם חוב . איז ער גיקומען איבער בעטין דעם מלך . האט דער מלך גזאגט צו דעם מענטש מיין שאנד בין איך דיר מוחל . גיי בעט איבער דיין חבר . ער זאל דיר מוחל זיין . ביי גאט איז

שכן מיעוטין לומר לא בכל שעה שלעקו לג׳ כ׳ כאל להם יוליאם ממלוקותיהם אלא ה״ב לעקו קודם גזר דין : לגרדום . בית הועד כדנין בו נפשות להריגה: ודינם בזיום. שניהם נתפשו על דבר אחד : זה ירד . מן המטה : וזה ניצול. מן כועד : תפלה

כאן בעבירות שבין אדם למקום עד שבא ר״ע ולימד (דף יח) כאן קודם גזר דין כאן לאחר גזר דין הכא נמי ביחיד . וגזר דין דיחיד גופיה תנאי היא דתניא היה רבי מאיר אומר שנים שעולים לכטה וחוליין שוה וכן שנים שעולין לגרדום לידון ודינם שוה זה ירד וזה לא ירד זה נצול וזה לא נצול מפני מה זה ירד וזה לא ירד זה נצול וזה לא נצול. זה התפלל ונענה וזה התפלל ולא נענה . וכפנ׳ מה זה התפלל ונענה וזה לא נענה זה התפלל תפלה שלמה נענה וזה לא התפלל תפלה שלמה לא נענה . רבי (אליעזר) [אלעזר] אומר כאן קודם גזר דין כאן לאחר גזר דין . רבי יצחק אומר יפה צעקה לאדם בין קודם גזר דין בין לאחר גזר דין . וגזר דין דצבור מ׳ מקרע והכתיב (ירמיה ד) כבסי מרעה לבך ירושלים למען וגו׳ וכתיב (שם ב) אם תכבסי בנתר ותרבי לך בורית וגו׳ מאי לאו כאן קודם גזר דין כאן לאחר

---

איז אויך אַזוי . די עֲבֵירוֹת וָוס אַמֶענְטְש זינְדִיגְט צוּ זַיין חַבֵר . איז גָאט נִיט מוֹחֵל . נָאר עֶר מוּז איבֶּער בֶּעטִין זַיין חַבֵר . אוּנ די עֲבֵירוֹת וָואס אַמֶענְטְש זִינְדִיגְט צוּ גָאט . אַז עֶר טוּהט תְּשׁוּבָה איז איהם גָאט מוֹחֵל . בִּיז רַבִּי עֲקִיבָא איז גִיקוּמֶען אוּנ הָאט גִילֶערוּנְט בֵּיידֶע פְּסוּקִים שְׁמוּעֶסִין פוּן די עֲבֵירוֹת וָואס אַמֶענְטְש זִינְדִיגְט צוּ גָאט . נָאר אַז מֶען טוּהט תְּשׁוּבָה פַאר דֶעם גְזַר דִין איז גָאט מוֹחֵל . אוּנ נָאךְ דֶעם גְזַר דִין איז גָאט נִיט מוֹחֵל . עֶנְטְפֶערְט דיא גְמָרָא רַבִּי עֲקִיבָא מֵיינְט אַז אַמֶענְטְש טוּהט תְּשׁוּבָה נָאךְ דֶעם גְזַר דִין איז מֶען איהם נִיט מוֹחֵל . אָבֶּער אַז פִיל מֶענְטְשִׁין טוּהֶען תְּשׁוּבָה אֲפִילוּ נָאךְ דֶעם גְזַר דִין איז אויךְ גָאט מוֹחֵל . זָאגְט די גְמָרָא אויב תְּשׁוּבָה צוּ רֵייסְט דֶעם גְזַר דִין פוּן אֵיין מֶענְטְשׁ אָדֶער נֵיין ; אִין דֶעם קְרִיגֶען תַּנָאִים . וָוארוּם מִיר הָאבֶּען גִילֶערוּנְט רַבִּי מֵאִיר זָאגְט אויב צְוויי מֶענְטְשִׁין הָאבֶּען זִיךְ גִילֵייגְט אִין בֶּעט אוּנ זֶענֶען קְרַאנְק גִיוָוארִין . אויף אֵיין קְרַאנְקֵייט . אָדֶער צְוויי מֶענְטְשִׁין זֶענֶען גִיקוּמֶען פַאר דֶעם מִשְׁפָּט מֶען זָאל זֵיי מִשְׁפָּטִין צוּם הַרְגֶען . אוּנ זֵייעֶר זִינְד איז גְלֵייךְ : זֵייא הָאבֶּען בֵּיידֶע גִיטָאהן אֵיין זִינְד צוּם מֶלֶךְ . אֵיינֶער הָאט אַרָאפּ גֶענִידֶערְט פוּן בֶּעט אוּנ איז גֶעזוּנְד גִיוָוארִין . אוּנ אֵיינֶער הָאט נִיט אַרָאפּ גֶענִידֶערְט פוּן בֶּעט נָאר עֶר איז גִישְׁטָארְבֶּען . אָדֶער אֵיינֶער איז גִירֶעטֶעט גִיוָוארִין פוּן דֶעם מִשְׁפָּט . מֶען הָאט איהם נִיט גִיהַרְגֶעט . אוּנ אֵיינֶער איז נִיט גִירֶעטֶעט גִיוָוארִין פוּן מִשְׁפָּט . מֶען הָאט איהם גִיהַרְגֶעט . פַאר וָואס איז דֶער גִיזוּנְד גִיוָוארִין . אוּנ דֶער איז גִישְׁטָארְבִּין . דֶער איז גֶעבְּלִיבֶּען לֶעבִּין ; אוּנ דֶער איז גִיהַרְגֶעט גִיוָוארִין . דֶער וָוס איז גֶעזוּנְד גִיוָוארִין אוּנ גֶעבְּלִיבִּין לֶעבִּין הָאט גִיבֶּעטִין צוּ גָאט אוּנ איז גֶעֶנְטְפֶערְט גִיוָוארִין . אוּנ דֶער וָוס איז גִישְׁטָארְבֶּען אוּנ גִיהַרְגֶעט גִיוָוארִין הָאט גִיבֶּעטִין צוּ גָאט אוּנ איז נִיט גִיעֶנְטְפֶערְט גִיוָוארִין . אוּנ פַאר וָואס איז דֶער גִיעֶנְטְפֶערְט גִיוָוארִין אוּנ דֶער איז נִיט גִיעֶנְטְפֶערְט גִיוָוארִין . נָאר דֶער וָואס הָאט גִיבֶּעטִין מִיט זַיין גַאנְצִין הַארְץ . איז גִיעֶנְטְפֶערְט גִיוָוארִין . אוּנ דֶער וָואס הָאט נִיט גִיבֶּעטִין מִיט זַיין גַאנְצֶען הַארְץ איז נִיט גִיעֶנְטְפֶערְט גִיוָוארִין . רַבִּי אֶלְעָזָר זָאגְט דֶער וָואס הָאט גִיבֶּעטֶען פַאר דֶעם גְזַר דִין איז גִיעֶנְטְפֶערְט גִיוָוארִין . אוּנ דֶער וָואס הָאט גִיבֶּעטִין נָאךְ דֶעם גְזַר דִין איז נִיט גִיעֶנְטְפֶערְט גִיוָוארִין . בַּיי אֵיינֶעם איז גִיוָועזְן פַאר דֶעם גְזַר דִין אוּנ בַּיי אֵיינֶעם איז גִיוָועזְן נָאךְ דֶעם גְזַר דִין . רַבִּי יִצְחָק זָאגְט סַיי פַאר דֶעם גְזַר דִין אוּנ סַיי נָאךְ דֶעם גְזַר דִין איז אַלְץ גוּט פַר דֶעם מֶענְטְשִׁין עֶר זָאל שְׁרַייעֶן צוּ גָאט . עֶס וֶועט גֶעווִיס הֶעלְפֶען . פְרֶעגְט די גְמָרָא וִויא אַזוי זָאגְסְטוּ אַז דֶער גְזַר דִין פוּן פִיל מֶענְטְשִׁין וֶוערְט צוּרִיסֶען דוּרךְ תְּשׁוּבָה . אִין אֵיין פָּסוּק שְׁטֵייט יְרוּשָׁלַיִם וַואשׁ אוֹיס דַיין הַארְץ פוּן שְׁלֶעכְטְס . וֶועסְטוּ גִיהָאלְפֶען וֶוערִין . אוּנ אִין אַנְדֶערִין פָּסוּק שְׁטֵייט אֲפִילוּ דוּא וֶועסְט וַואשֶׁען מִיט זֵייף . אוּנ דוּא וֶועסְט מֶערִין זֵייף צוּא דִיא וֶועשׁ פוּן דַיין הַארְץ . פוּן דֶעסְטְווֶעגִין בְּלַייבְּט דֶער פְלֶעק פוּן דַיינֶע זִינְד . גֶעווִיס מוּז זַיין דֶער עֶרְשְׁטֶער פָּסוּק שְׁמוּעֶסְט פַאר דֶעם גְזַר דִין . אוּנ דֶער אַנְדֶערֶער פָּסוּק שְׁמוּעֶסְט פוּן נָאךְ דֶעם גְזַר דִין . זָאגְט די

גמרא

לאחר גזר דין. לא אידי ואידי לאחר גזר דין ולא קשיא כאן בגזר דין שיש עמו שבועה כאן בגזר דין שאין עמו שבועה כדרב שמואל בר אמי דאמר רב שמואל בר אמי ואמרי לה רבי שמואל בר נחמני א"ר (יוחנן) [יונתן] מנין לגזר דין שיש עמו שבועה שאינו מתקרע שנאמר (ש"א ג) לכן נשבעתי לבית עלי אם יתכפר עון בית עלי בזבח ובמנחה וגו' אמר רבא בזבח ובמנחה אינו מתכפר אבל מתכפר הוא בדברי תורה אביי אמר בזבח ובמנחה אינו מתכפר אבל מתכפר הוא בתורה ובגמילות חסדים כי הא דרבא ואביי תרוייהו מדבית עלי קאתו רבא דעסק בתורה חיה ארבעים שנין אביי דעסק בתורה ובג"ח חיה שיתין שנין. ת"ר משפחה אחת היתה בירושלים שהיו מתיה מתים בן י"ח שנה ובאו והודיעו את רבן יוחנן בן זכאי אמר להם שמא ממשפחת בית עלי אתם דכתיב (ש"א ג) וכל מרבית ביתך ימותו אנשים לכו ועסקו בתורה והיו הלכו ועסקו בתורה וחיו והיו קוראין אותה משפחת (רבו) יוחנן על שמו:

**בא אמר** רב שמואל בר איניא משמיה דרב מנין לגזר דין של צבור שאינו נחתם. אינו נחתם והכתיב (ירמיה ב) נכתם עונך לפני אלא מנין שאע"פ שנחתם מתקרע שנאמר (דברים ד) כה' אלהינו בכל קראנו אליו והכתיב (ישעיה נה) דרשו ה' בהמצאו

התם

סלמס. נסכוין: אביי ורבא מדבית עלי קאתו. כך שמעתי וכהולין בפרק הזרוע והלחיים אבכהן דרבא לאו כהן הוה אלא כמה אמו מדבית עלי קאתיה וי"ג רבה ואביי ומפרשי לה ברבה בר נחמני:

---

גמרא מען קען זאגין ביידע פסוקים שטימען פון נאך דעם גזר דין. נאר אויב דער גזר דין איז גיוועזן מיט א שבועה העלפט ניט קיין תשובה. און אויב דער גזר דין איז אן א שבועה העלפט יא תשובה. אזוי ווי רב שמואל בר אמי האט גזאגט. און אנדערע זאגין אזוי ווי רבי שמואל בר נחמני האט גזאגט פון רבי יונתן וועגין. פון וואנען ווייסען מיר אז א גזר דין מיט א שבועה ווערט ניט צו ריסען. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט דריבער האב איך גישווארין צו די הויז גזינד פון עלי אויב עס וועט פאר געבין ווערין די זינד פון די קינדער פון עלי מיט קרבנות און מנחות. רבא האט גזאגט מיט קרבנות און מיט מנחות וועט זייער זינד ניט פאר געבין ווערין. אבער מיט תורה לערנען וועט זייער זינד יא פאר געבין ווערין. אביי האט גזאגט מיט קרבנות און מיט מנחות וועט זייער זינד ניט פאר געבין ווערין. אבער מיט לערנען תורה און טאהן גמלות חסדים וועט זייער זינד יא פאר געבין ווערין. רבא און אביי זענען ביידע ארויס גיקומען פון די קינדער פון עלי. רבא האט נאר גילערנט תורה. האט ער גילעבט פערציג יאהר. אביי האט גילערנט תורה און האט גיטאהן גמלות חסדים אויך. האט ער גילעבט זעכציג יאהר. די רבנן האבען גילערנט עס איז גיוועזן א משפחה אין ירושלים וואס זייא פלעגין שטארבען צו אכטצעהן יאהר. האט מען דאס גזאגט פאר רבי יוחנן בן זכאי. האט רבי יוחנן גזאגט מאמער איז די משפחה פון עלי הכהן. וואס אויף עלי איז גזאגט גיווארין אין פסוק אלע מענטשין פון דיין שטוב וועלין שטארבן יונג. גייט לערנט תורה וועט איר לעבין. און זיי האבן אזוי גיטאהן זיי האבען גילערנט תורה און האבען גילעבט לאנג. האט מע זייא גירופען אויף דעם נאמען פון רבי יוחנן. און דיא משפחה פון רבי יוחנן:

**בא** אמר. רב שמואל בר איניא האט גזאגט פון רבס וועגין פון וואנען ווייסען מיר אז דער גזר דין פון פיל מענטשין ווערט ניט גיחתמת. פרעגט דיא גמרא ער ווערט ניט גיחתמת עס שטייט דאך אין פסוק דער פלעק פון דיינע זינד איז פאר מיר. נאר אזוי מיינט מען פון וואנען ווייסען מיר אז אפילו דער גזר דין איז שוין גיחתמת גיווארין פון דעסטוועגין צו רייסט מען איהם אז מען טוהט תשובה. ווארום עס שטייט אין פסוק אזוי וויא אונזער גאט וואס ער איז נאנט צו אונז ווען מיר רופען איהם. אפילו נאך דעם גזר דין. פרעגט די גמרא עס שטייט דאך אין פסוק איר זאלט פארשטין גאט ווען ער ווערט גיפונען. איז דאך

התם ביחיד הכא בצבור ויחיד איפת (אמר רב נחמן אמר רבה בר אבוה אלו עשרה ימים שבראש השנה ועד יום הכפורים (שמואל א כה) ויהי כעשרת הימים ויגוף ה' את נבל עשרה ימים מאי עבידתייהו אמר רב יהודה אמר רב כנגד עשר לגימות שנתן נבל לעבדי דוד (אמר) רב נחמן אמר רבה בר אבוה אלו עשרת ימי התשובה שמראש השנה ועד יום הכפורים:

**כב פיסקא** בר"ה כל באי עולם וכו' מאי כבני מרון הכא תרגימו כבני אימרנא רבי שמעון בן לקיש אמר כמעלות בית (חורון) [מרון] אמר רב יהודה אמר שמואל כחיילות של בית דוד אמר רבה בר בר חנה א"ר יוחנן וכולן נסקרין בסקירה אחת אמר רב נחמן בר יצחק אף אנן נמי תנינן (תהלים לג) היוצר יחד לבם המבין אל כל מעשיהם מאי קאמר אילימא דהכי קאמר דברינהו לכ"ע ללבייהו מיחד כי הדדי הא קא חזינן דלאו הכי אלא ה"ק היוצר רואה יחד לבם והוא מבין

ויחיד איפת. מנוי לו דכתיב בכולהו: כנגד עשר לגימות. עשרה עבדים שלח לו דוד כמו שכתוב בקרא והן לכם סעודה אחת נסעדך נתלו לו עשרה ימים: רב נחמן אמר אלו עשרת ימי תשובה. שהמתין לו הקב"ה שישוב בו ולא שב: כבני אימרנא. ככבשים שמונין אותן למעשר ויוצאין זה אחר זה בפתח קטן שאין שנים יכולין לצאת כאחת: כמעלות בית (חורון) [מרון] שהדרך קצר ואין שנים יכולין לילך זה בצד זה שהעמק עמוק משני צדי הדרך: ר"ל ורב יהודה אמר שמואל כחיילות של בית דוד והכי גרסינן אמר רבה בר בר חנה וכו': כחיילות של בית דוד וכבני מרון. כבני חיילות של מלך מרון לשון מרות ואדנות וכך היו מונין אותם זה אחר זה בצאתם למלחמה: וכולן נסקרין וכו'. ואע"פ שעוברין זה אחר זה: אף אנן נמי תנינן. דכולהו נסקרין בסקירה אחת מדנסיב תנא דידן גמרא למתניה מהאי קרא היוצר יחד לבם: ללבייהו מייחד להו כי הדדי. כלבו של זה כך לבו של זה: ה"ק היוצר רואה יחד את לבם. ואקרא דלעיל מיניה קאי מבדל השגיח אל כל יושבי הארץ היוצר אותם

---

דא אציט וואס נאט וויל ניט גיפונגען ווערין צו דעם וואס רופט איהם. זאגט די גמרא צוא איין מענטש וואו איינער טוהט תשובה ווערט נאט ניט גיפונגען צו איהם. אבער צוא פיל מענטשין. אז פיל מענטשין טוהען תשובה. ווערט נאט גיפונגען צו זיי. אונ ווען ווערט נאט גיפונגען אפילו צו איין מענטש. האט רבה בר אבהו גזאגט אין די צעהן טעג וואס פון ראש השנה ביז יום כפור. אין פסוק שטייט עס איז גיוועזן אזוי וויא צעהן טעג האט נאט גיהרגעט דעם נבל. פאר וואס האט מען גיווארט צוא נבל צעהן טעג. האט רב יהודה גזאגט פון רבס וועגין ווייל ער האט גימאכט אסעודה פאר דיא צעהן קנעכט וואס דוד המלך האט צוא איהם געשיקט. רב נחמן האט גזאגט פון רבה בר אבוהם וועגין דאס זענען די צעהן טעג וואס פון ראש השנה ביז יום כפור. הט מען גיווארט ביז דעם צעהנטין טאג טאמער וועט ער תשובה טאהן. אונ אז ער הט ניט תשובה גיטאהן הט אים נאט גיהרגעט:

**כב** פיסקא. אין דער משנה שטייט אז ראש השנה גייען דורך אלע מענטשין פון דער וועלט פאר נאט. כבני מרון. וואס איז דער טייטש כבני מרון. דא אין בבל טייטשט מען כבני מרון אזוי ווי שעפסין. אזוי ווי ווען מען האט גימעשרת שעפסין. זענען די שעפסין דורך גיגאנגען איינציגווייז דורך אשמאלע טיר. איינער נאך דעם אנדערין אונ ניט צוויי מיט אמאהל. אזוי גייען די מענטשין דורך פאר נאט אום ראש השנה צום משפט איינציגווייז. איינער נאך דעם אנדערין. רבי שמעון בן לקיש זאגט זיי גייען איינציגווייז אזוי וויא מען גייט ארויף אויף דעם בארג פון בית מרון. וואס די וועג איז שמאל אונ עס קען ניט גיין צוויי מענטשין איינער נעבין דעם אנדערין. נאר איינער אינטער דעם אנדערין. אונ רב יהודה זאגט פון שמואלס וועגין זיי גייען איינציגווייז אזוי ווי דיא חיל פון דוד המלך. וואס מען האט זייא גיציילט איינציגווייז ווען זייא זענען גיגאנגען צו אמלחמה. רבה בר בר חנה זאגט פון רבי יוחנן וועגין אפילו זיי גייען איינציגווייז פון דעסטוועגי ווערין זיי אלע גיקוקט פון נאר מיט איין קוק. רב נחמן בר יצחק זאגט מיר האבען אויך אזוי גילערנט אז אלע ווערין גיקוקט פון נאט מיט איין קוק. ווארום עס שטייט אין פסוק היוצר יחד לבם המבין אל כל מעשיהם וואס מיינט דער פסוק. זאלען מיר זאגין אז דער פסוק מיינט דער באשעפער וואטו האט באשאפען די הערצער פון אלע מענטשין גליך. אלע הערצער זאלען טראכטען גליך איין זאך. מיר זעהן

דאך

המבין אל כל מעשיהם :

**כג משנה** על ששה חדשים שלוחין יוצאין (על ניסן מפני הפסח על אב מפני התענית על אלול מפני ראש השנה על תשרי מפני תקנת המועדות על כסליו מפני החנוכה על אדר מפני הפורים וכו') :

**גמ'** וליפוק נמי אתמוז ואטבת (ע"ב) דאמר רב חנא בר ביזנא אמר ר"ש חסידא מ"ד (זכריה ח) כה אמר ה' צבאות צום הרביעי וצום החמישי וצום השביעי וצום העשירי יהיה לבית יהודה לששון ולשמחה וגו' קרי להו צום וקרי להו ששון ושמחה (אלא לאו ה"ק) בזמן שיש שלום יהיה לששון ולשמחה אין שלום צום. א"ר פפא ה"ק בזמן שיש שלום יהיה לששון ולשמחה יש גזרה צום אין גזרה ואין שלום רצו מתענין רצו אין מתענין אי הכי תשעה באב נמי אמר רב פפא שאני תשעה באב הואיל והוכפלו בו צרות דאמר מר בו חרב הבית בראשונה ובשניה

משגיח יחד את לבם :
דאמר רב חנא בר ביזנא וכו'. דכולהו יהו תעניות מנהו בזמן שאין בית המקדש קיים. ומתני' בזמן הזה קא מיירי מדקתני ובשבמקדש קיים וכו' :
בית שלום. שאין יד אומות תקיפה על ישראל :
לששון ולשמחה. לאסור בהספד ובתענית : יש גזרה צום. הוגזה להתענות בהן : רצו אין מתענין. וכיון דרשות הוא אין מפרישים שלוחים עליהם :

---

דאך אז עס איז ניט אזוי · יעדער מענטש טראכט וואס אנדערש · נאר אזוי מיינט דער פסוק · דער באשעפער זעהט אלע הערצער מיט איין מאהל אונ ער פאר שטייט אונ ווייס וואס זייא טוהען :

**כג** משנה. על. אויף זעקס חדשים שיקט בית דין ארוים מענטשין זייא זאלען גיין אן זאגין אין ארץ ישראל ווען עס איז געווען ראש חודש · אויף דעם חודש ניסן · מען זאל וויסען ווען צו מאכען פסח · אויף דעם חודש אב · מען זאל וויסען ווען עס איז תשעה באב · אויף דעם חודש אלול · מען זאל וויסען ווען צו מאכען ראש השנה · ווער דרייסיגסטער טאג פון אלול איז ראש השנה · אויף דעם חודש תשרי · מען זאל וויסען ווען צו מאכען יום כפור אונ סוכות · אויף דעם חודש כסלו · מען זאל וויסען ווען צו מאכען חנוכה · אויף דעם חודש אדר · מען זאל וויסען ווען צו מאכען פורים · פרעגט די גמרא זאל מען גיין אן זאגין אויף תמוז אונ טבת אויך · מען זאל וויסען ווען צו פאסטען שבעה עשר בתמוז · אונ עשרה בטבת · ווארום רב חנא בר ביזנא האט געזאגט פון רבי שמעון בן חסידאס וועגין וואס מיינט דער פסוק אזוי האט גאט געזאגט דער תענית פון פערטין חודש שבעה עשר בתמוז · אונ דער תענית פון פינפטען חודש תשעה באב · אונ דער תענית פון זיבעטין חודש וצום גדליהו אונ דער תענית פון צעהנטין חודש עשרה בטבת : וועט זיין ביי די יודין לששון ולשמחה · איז דאך די קשיא פריער זאגט דער פסוק מען זאל די טעג פאסטען · דער נאך זאגט ער מען וועט זיך פרייען די טעג · נאר ווען עס איז שלום ביי יודין · זייא פעלקער גיוועלטיגען ניט אויף זייא · וועלין דיא טעג זיין פריילעכע · אבער ווען עס איז ניט שלום ביי יודין · דיא פעלקער גיוועלטיגען אויף זיי · דארף מען די טעג פאסטען · אונ היינט גיוועלטיגען דאך די פעלקער אויף די יודין · דארף מען דאך פאסטען · דארף מען דאך אן זאגין ווען עס איז תמוז אונ טבת מען זאל וויסען ווען עס וועט זיין שבעה עשר בתמוז אונ עשרה בטבת מען זאל די טעג פאסטען · האט רב פפא געזאגט אזוי מיינט דער פסוק · ווען עס איז שלום ביי דיא יודין · דיא פעלקער גיוועלטיגען ניט אויף זייא · וועלין די טעג זיין פריילעכע · אונ ווען עס איז שלעכטע גזרות אויף די יודין · מוז מען די טעג פאסטען · אונ ווען עס איז ניטא קיין שלעכטע גזרות אויף די יודין · נאר שלום איז אויך ניטא ביי די יודין · די פעלקער גיוועלטיגען אויף דיא יודין · אז מען וויל פאסט מען די טעג · אונ אז מען וויל ניט פאסטען פאסט מען ניט · אונ ווייל עס איז ווי מען וויל דריבער לוינט ניט צו שיקען אן זאגין אויף די צוויי חדשים תמוז אונ טבת · פרעגט די גמרא אויב אזוי דארף מען דאך אויף תשעה באב אויך ניט שיקען אן זאגין · האט רב פפא געזאגט תשעה באב איז אנדערש וויא אלע תעניתים · תשעה באב מוז מען פאסטען ווייל אין דעם טאג איז געווען פיל צרות · ווארום דער תנא האט געזאגט אום תשעה באב

איז

ארבעה דברים וכו'. וזהו אחד מהן. וה"ג מצוין בתוספתא דסוטה ובספרי ואלו הן בני אדם יושבי מערבות כאלה וגו' כאלן ונקי יאחט להם וגו'. ושאל שרש את בן הגר המלכיה וגו': ג' בתשרי שבו נהרג. גמרא ולא קרא: ללמדך. מדקא חשיב נמי שבו נהרג. גדלים עם שם על חורבן הבית:

ובשניה ונלכדה ביתר ונחרשה העיר:

**כד תניא** ר' שמעון (בן יוחאי) אומר ארבעה דברים היה ר' עקיבא דורש ואין אני דורש כמותו (וזו אחד מהן) צום הרביעי זה י"ז בתמוז שבו הובקעה העיר שנאמר (ירמיה נב) בחודש הרביעי בתשעה לחדש ויחזק הרעב בעיר וכתיב (שם) ותבקע העיר (ותניא בראשונה בט' ובשניה בי"ז לחדש) ואמאי קרו ליה רביעי רביעי לחדשים. צום החמישי זה תשעה באב שבו נשרף בית אלהינו ואמאי קרי ליה חמישי חמישי לחדשים צום השביעי זה ג' בתשרי שבו נהרג גדליה בן אחיקם ומי הרגו ישמעאל בן נתניה הרגו ללמדך ששקולה מיתתן של צדיקים כשרפת בית אלהינו ואמאי קרי ליה שביעי שביעי לחדשים. צום העשירי זה עשרה בטבת שבו סמך מלך בבל על ירושלים שנאמר (יחזקאל כד) ויהי דבר ה' אלי (לאמר) בשנה התשיעית בחדש העשירי בעשור לחדש לאמר (וכתיב) (שם) בן אדם כתוב לך את שם היום את עצם היום הזה סמך מלך בבל על ירושלים ואמאי קרי ליה עשירי עשירי לחדשים והלא

---

איז חרוב געווארין דער ערשטער בית המקדש אונ דער אנדערער בית המקדש. אונ דיא גוים האבען איין גינומען די שטאט ביתר. אונ די שטאט איז צו האקערט געווארין:

**כד** תניא. מיר האבען גילערונט רבי שמעון זאגט פיר זאכין האט רבי עקיבא גידרשת. אונ איך זאג ניט אזוי וויא רבי עקיבא. (אונ דאס איז איינע פון די פיר זאכין). רבי עקיבא זאגט צום הרביעי: דער תענית פון פערטין. דאס מיינט מען דעם תענית שבעה עשר בתמוז. אין דעם טאג איז גשפאלטין געווארין (גיעפענט געווארין) די שטאט ירושלים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אין פערטין חודש דעם ניינטען טאג אין חודש האט זיך גישטארקט דער הונגער אין שטאט אונ די שטאט איז אויף גישפאלטען געווארין. אונ מיר האבען גילערונט ביי דעם ערשטען חורבן איז די שטאט ירושלים אויף גישפאלטין געווארען דעם ניינטען טאג אין חודש. אונ ביי דעם אנדערין חורבן איז די שטאט ירושלים אויף גישפאלטין געווארען דעם זיבעצעהנטין טאג אין חודש. אונ פר וואס רופט מען דעם תענית פון פערטין. ווייל תמוז איז דער פערטער חודש. צום החמישי. דער תענית פון פינפטען. דאס מיינט מען תשעה באב. אין דעם טאג איז פאר ברענט געווארין דער בית המקדש. אונ פאר וואס רופט מען דר תענית פון פינפטען ווייל אב איז דער פינפטער חודש. צום השביעי. דער תענית פון זיבעטין. דאס מיינט מען דעם תענית וואס איז דעם דריטען טאג אין חודש תשרי. אין דעם טאג איז גיהרגת געווארין גדליה בן אחיקם. ווער האט איהם גיהרגת. ישמעאל בן נתניה האט אים גיהרגת: אונ ווייל מיר פאסטין דעם טאג וואס גדליה איז גיהרגת געווארין אזוי ווי מיר פאסטען דעם טאג וואס דער בית המקדש איז פאר ברענט געווארין. לערנען מיר פון דאנען אפ אז א צדיק שטארבט איז גלייך ווי דער בית המקדש וואלט פאר ברענט געווארין. אונ פאר וואס רופט מען דער תענית פון זיבעטין ווייל תשרי איז דער זיבעטער חודש. צום העשירי. דער תענית פון צעהנטין. ווארום דאס מיינט מען דעם תענית עשרה בטבת. אין דעם טאג איז גיקומען דר מלך פון בבל צו ירושלים אונ האט אנגיהויבין באלעגערין ירושלים. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק יחזקאל הנביא האט אזוי גיזאגט די רייד פון גאט איז גיוועזן צו מיר אין דעם ניינטען יאהר. אין דעם צעהענטען חודש דעם צעהנטען טאג אין חודש. אונ ער האט צו מיר אזוי גיזאגט. דוא מענטשין זון פאר שרייב ביי דיר דעם נאמען פון דעם טאג. דער ווי פילטער טאג עס איז אין חודש. אונ ווי דער טאג הייסט. מען זאל גידיינקען אז אין דעם טאג איז גיקומען דער מלך פון בבל אויף ירושלים: אונ פר וואס רופט מען דער תענית פון צעהנטין. ווייל טבת איז דער צעהנטער חודש. פרעגט דיא גמרא האט דאך דער תענית עשרה בטבת באדארפט שטיין אין פסוק דער

ערשטער

והלא היה ראוי זה לכתוב ראשון ולמה נכתב כאן כדי להסדיר חדשים כתקנן ואני איני אומר כן אלא צום העשירי זה ה' בטבת שבו באת שמועה לגולה שהוכתה העיר שנאמר (שם לג) ויהי בשתי עשרה שנה בעשירי בחמשה לחדש לגלותנו בא אלי הפליט מירושלים לאמר הוכתה העיר ועשו יום שמועה כיום שרפה ונראין דברי מדבריו שאני אומר על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון והוא אומר על אחרון ראשון ועל ראשון אחרון ועוד שאני מונה לסדר פורעניות ולסדר חדשים והוא אינו מונה אלא לסדר חדשים בלבד:

כה (כתיב במגילת תענית) בתלתא בתשרי בטילת אדכרתא

סמך מלך בבל. שהחיל לצור עליה: כשמועת הגולה. גלות יכניה שגלו לבבל י"א שנים לפני חורבן הבית: באני אומר על ראשון. אם הד' שבסדר המקרא: ראשון. לפי' עניות באחלה הוקבעה העיר והת"ש נשרף הבית בט' באב ובתשרי שלאחריו נהרג גדליה בן אחיקם ובטבת שלאחריו באתה השמועה: והוא אומר על ראשון שבפסוק אחרון לפורעניות (ועל אחרון. שבמקרא ראשון לפורעניות) שבסדר חדשים סמך ואת"כ הוקבעה נתגלה ביקוע העיר י"ז בתמוז שהוא ראשון שבמקרא אחרון לסמיכת מלך בבל שהוא מאוחר במקרא: אלא שאני מונה לסדר החדשים. אומר שלא הקפיד המקרא אלא על סדר החדשים לכך מנה תמוז קודם לטבת ואני מונה לסדר פורעניות אף לסדר פורעניות:

בתלתא בתשרי וכו'. כך כתוב במגלה לשון ארמי:

בטלה אדכרתא. ביטלו הזכרת שם שמים

---

ערשטער. פריער ווי אלע תעניתים. ווייל עשרה בטבת איז דאך געוועזן דער אנהייב ווס דער מלך פון בבל איז געקומען צו ירושלים. פאר וואס שטייט דער תענית עשרה בטבת דער לעצטער אין פסוק. נאר דער פסוק רעכענט אזוי וויא די חדשים זענען ושבעה עשר בתמוז איז אין פערטין חודש. תשעה באב אין פינפטען חודש. צום גדליה אין זיבעטין חודש. עשרה בטבת. אין צעהנטין חודש. אזוי זאגט רבי עקיבא. אונ רבי שמעון זאגט איך זאג ניט אזוי. נאר צום העשירי. דער תענית פון צעהנטין חודש. מיינט מען דעם פינפטען טאג אין טבת. אין דעם טאג איז געזאגט געווארין צו דיא יודען וואס זענען שוין געוועזן אין בבל פון עלף יאהר פריער איידער דער בית המקדש איז פאר ברענט געווארין. וואס זייא זענען פאר טריבען געווארין אין בבל מיט דעם מלך יכניהו אז די שטאט ירושלים איז געשלאגין געווארין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אונ עס איז געוועזן אין צוועלפטין יאהר אין דעם צעהנטין חודש. דעם פינפטען טאג אין חודש. וויא מיר זענען פאר טריבען געווארין. איז געקומען צו מיר איינער וואס איז אנטלאפין פון ירושלים אונ האט געזאגט דיא שטאט ירושלים איז געשלאגין געווארין. אונ דעם טאג וואס זיי האבין דאס געהערט איז ביי זייא געוועזן אזוי אגרוים געוויין אונ אטרויער גלייך אזוי וויא אין דעם טאג וואלט דער בית המקדש טאקי פאר ברענט געווארין. אונ זיי האבין געמאכט אתענית אויף אייביג אין דעם טאג וואס זיי האבין געהערט די שלעכטע בשורה. זאגט רבי שמעון אונ מיינע רייד געפעלין מיר בעסער ווי די רייד פון רבי עקיבא. ווארום איך זאג דיא ערשטע פורעניות שטייען אין פסוק צו ערשט. אונ דיא לעצטע פורעניות שטייען אין פסוק צום לעצט. ופריער איז אויף געשפאלטין געווארין די שטאט אין תמוז. דער נאך איז פאר ברענט געווארין דער בית המקדש אין אב. דער נאך איז געהרגעט געווארין גדליה אין תשרי. דער נאך איז די זאך געזאגט געווארין צו דיא יודין וואס זענען שוין געוועזן לאנג אין בבל. אין טבת. אונ רבי עקיבא זאגט אז די שפעטערדיגע פורעניות שטייט פריער אין פסוק. אונ די פריערדיגע פורעניות שטייט שפעטער אין פסוק. ווארום פריער איז דאך געקומען דער מלך פון בבל אויף דער שטאט ירושלים אין טבת. דער נאך איז צו שפאלטין געווארין די שטאט אין תמוז. דארף דאך שטיין דיא פורעניות פון טבת פאר די פורעניות פון תמוז. אונ נאך זאגט רבי שמעון איך צייל די פורעניות איינע נאך די אנדערע אזוי ווי זיי זענען געוועזן. אונ צייל די חדשים אויך ריכטיג איינעם נאך דעם אנדערין ודעם פערטין פינפטען וזיבעטין צעהנטין. אונ רבי עקיבא זאגט דער פסוק ציילט נאר די חדשים ריכטיג ופערטין פינפטען זיבעטין צעהנטין. אונ די פורעניות ציילט ער ניט ריכטיג. נאר וואס פריער שפעטער. אונ וואס שפעטער פריער:

כה כתיב: אין דער מגלת תענית שטייט. דעם דריטען טאג אין תשרי האט מען אויף גיהערט

מן פסטוים ונקוצי יכולים לנטל שכבר נהגו כעס : וכשמעו הכמים . שביטלוהו הוכשר הדבר בעיניהם והחשב להם לנס ועשאוהו יו"ט :
דלא יעידון מן אורייתא . שלא יעסקו לנתק עצמן מן התורה : הפגינו . צעקו בצווקים וברחובות כדי שישמעו השרים וירחמו על כם : אי שמים . כלומר למען הקב"ה :
אוקה שבפסים . (באדם יכול נדרוש כל דבר ודבר גמ"ע ענינים) ז' בבי עיום וכם המביס

אדכרתא מן שטריא שפעם אחת גזרה מלכות יון גזרה על ישראל שלא להזכיר שם שמים על פיהם וכשגברה מלכות בית חשמונאי ונצחום התקינו שיהו מזכירין שם שמים ואפילו בשטרות וכך היו (כותבין) [כותבין] בשנת כך וכך ליוחנן כהן גדול (שהוא כהן) לאל עליון וכששמעו חכמים בדבר אמרו לכחר פורע זה את חובו ונמצא שטר מוטל באשפה וביטלום ואותו יום עשאוהו יו"ט :

(דף יט) **כו בעשרים** ותמניא באדר אתא בשורתא טבתא ליהודאי דלא יעידון מן אורייתא שפעם אחת גזרה [המלכות] על ישראל שלא יעסקו בתורה ושלא ימולו את בניהם ושיחללו שבת מה עשה יהודה בן שמוע וחבריו הלכו ונטלו עצה במטרוניתא אחת שכל גדולי רומי מצויין אצלה אמרה להן בואו והפגינו בלילה הלכו והפגינו בלילה אמרו אי שמים לא אחיכם אנחנו לא בני אב אחד אנחנו ולא בני אם אחת אנחנו מה נשתנינו מכל אומה ולשון שאתם גוזרין עלינו גזירות קשות וביטלום ואותו יום עשאוהו יו"ט :

(דף כא ע"ב) **כז כתיב** (תהלים יב) אמרות ה' אמרות טהורות כסף צרוף בעליל לארץ מזוקק שבעתים . רב ושמואל חד אמר חמשים שערי בינה נבראו בעולם וכולם ניתנו למשה (בסיני) חסר

---

גיהערט צו שרייבען דעם נאמען פון גאט אין די וועקסלען ווארום די מלוכה פון יון האט איין מאהל גימאכט א גזרה אויף די יודין זיי זאלין ניט דער מאנען דעם נאמען פון גאט . אונ אז די חשמונאים האבין זיך גישטארקט אונ האבין איין גינומען דיא יונים . האבין זיי גוזר גיוועזען אויף די יודען מען זאל דערמאנען דעם נאמען פון גאט אפילו אין א וועקסיל . אונ אזוי האט מען געשריבען דעם וועקסיל . למשל . דעם צעהנטין יאהר וויא יוחנן איז געווארין כהן גדול צו גאט . אונ אז די חכמים האבין דאס גיהערט . האבן זיי גיזאגט מארגין אמאהל וועט דער וועקסיל בצאהלט ווערין . אונ מען וועט איהם צו רייסין אונ אוועק ווארפין אויף דעם מיסט . וועט דאך בלייבען ליגען דער נאמען פון גאט אויף דעם מיסט . האבין די חכמים דאס גישטערט . אונ דעם טאג וואס מען האט אויף גיהערט צו שרייבין דעם נאמען פון גאט אין די וועקסלען האבין די חכמים גימאכט דעם טאג יום טוב :

**כו** בעשרים . דעם אכט אונ צוואנציגסטע טאג אין אדר איז גיקומען אגוטע בשורה און זאגט צו די יודין . זיי זאלען ניט אפ גימאהן ווערין פון דער תורה . זיי מעגין לערנען תורה ווארום די מלוכה האט אמאהל גימאכט א גזרה אויף די יודין זיי זאלען ניט לערנען תורה . אונ זאלין ניט מל זיין זייערע קינדער . אונ זיי זאלען מחלל שבת זיין . וואס האט גיטאהן יהודה בן שמוע מיט זיינע חברים . זיי זענען גיגאנגען פרעגין אעצה ביי א זו אגרעפין וואס דיא גרעסטע מענטשין פון רוים קומען צו איר . האט די גרעפין גיזאגט צו יהודה בן שמוע מיט זיינע חברים זיי זאלין שרייען ביי נאכט . זענען די יודין גיגאנגען ביי נאכט אין דיא גאסען אונ האבען געשריגען . האט רחמנות אויף אונז פון גאטס וועגין . זענען מיר דען ניט אייערע ברידער . זענען מיר דען ניט אלע פון איין פאטער . זענען מיר דען ניט אלע פון איין מוטער . פאר וואס זענען מיר גיענדערט גיווארין פון אלע פעלקער וואס איר מאכט אויף אונז אזעלכע שווערע גזרות . האט דער מלכות גישטערט דיא גזרה . האט מען גימאכט דעם טאג יום טוב :

**כז** כתיב . עס שטייט אין פסוק די זאג פון גאט איז ריינע זאג אזוי ווי זילבער וואס איז קלאר אונ ריין גילייטערט גיווארין מיט דיא בעסטע ערד זיבען מאהל . רב אונ שמואל

הריינע:

חסר אחת שנאמר (שם ח) ותחסרהו מעט מאלהים. בקש קהלת להיות כמשה שנאמר (קהלת יב) בקש קהלת למצוא דברי חפץ יצתה בת קול ואמרה לו וכתוב יושר דברי אמת (דברים לד) ולא קם נביא עוד בישראל כמשה אחר אמר בנביאים לא קם אבל במלכים קם אלא מה אני מקיים בקש קהלת למצוא דברי חפץ בקש קהלת לדון דינין שבלב שלא בעדים ושלא בהתראה יצתה בת קול ואמרה לו וכתוב יושר דברי אמת (שם יז) על פי שנים עדים או על פי שלשה עדים יקום דבר:

אבל אחת שנמסרו לו למשה (בסיני) למדנו שמתמעט נכראה שהרי מעט נחסר מאלהים: דכתיב ותחסרהו מעט מאלהים. במזמור מה אנוש כי תזכרנו: להטעות את חכמים. שאירע יום ל' של אדר בשבת ולא נראה החדש בזמנו והבייתוסין מאמינין שיהא יום ראשון של פסח בשבת כדי שתהא הנפת העומר באחד בשבת ועצרת באחד בשבת לפי שהן דורשין ממחרת השבת יניפנו ממחרת שבת בראשית כמשמעו ושכרו ב' בני אדם להעיד שראו

## אם אינן מכירין פרק שני

(דף כב) [א מתני' בראשונה היו מקבלין עדות החדש מכל אדם משקלקלו הבייתוסין התקינו שלא יהו מקבלין אלא מן המכירין: גמ' (שם ע"ב) ת"ר מה קלקול קלקלו הבייתוסין פעם א' בקשו בייתוסין להטעות את חכמים שכרו ב' בני אדם בת' זוז אחד

---

קריגען. איינער זאגט פופציג טויערן חכמה איז באשאפן געווארן אויף דער וועלט: אלע זיינען געגעבן געווארן צו משה רבינו. נאר איינס ווייניגער. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דו האסט איהם געמאכט עטוואס ווייניגער פון א מלאך. קהלת (שלמה המלך) האט געוואלט זיין אזוי ווי משה רבינו. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק קהלת האט געוואלט געפינען דיא זאכען וואס נאך וויל דער מענטש זאל זיי האבין. דאס איז חכמה אונ פאר שטאנדיקייט. איז ארויס גיגאנגען א קול פון הימעל אונ האט גזאגט צו איהם. וכתוב יושר דברי אמת. וואס עס שטייט געשריבען אין דעם ספר הישר. דאס איז משנה תורה: דער ספר דברים. דאס איז אמתה רייד. אונ דארט שטייט געשריבען עס איז ניט אויף גישטאנען נאך א נביא ביי יודין אזוי וויא משה רבינו. אונ איינער זאגט צווישען נביאים איז ניט גיוועזן אזוי ווי משה רבינו. אבער צווישען מלכים איז גיוועזן אזוי ווי משה רבינו. נאר וואס דען מיינט דער פסוק קהלת האט געוואלט געפינען דברי חפץ. שלמה האט געוואלט טאהן דברי חפץ. די זאכען וואס זיין הארץ האט גיגלויבט. ער זאל משפטין דינים ווי זיין הארץ וועט וועלין פסקנען. ער זאל ניט אויס הערין וואס די עדות זאגין. אונ ער זאל משפטין צו הרגנן א מענטשין אפילו דיא עדות האבין איהם נאר ניט אן גזאגט ער זאל די זאך ניט טאהן ווארום איהם וועט קומען מיתה. איז ארויס גיגאנגען א קול פון הימעל אונ האט גיזאגט צו איהם וכתוב יושר דברי אמת. וויס עס שטייט געשריבען אין דעם ספר הישר. דאס איז משנה תורה. דער ספר דברים. דס איז אמתה רייד. אונ דארט שטייט געשריבען דורך צוויי עדות אדער דורך דריי עדות זאל בעשטעטיגט ווערין א זאך. אבער ניט אן עדות:

## פרק שני

**א** כתניתין. בראשונה. אין אנהייב אז צוויי מענטשין זיינען גיקומען אונ האבען גזאגט זיי האבען גיזעהן די נייע לבנה האבין בית דין זייא גיגלויבט אונ האבען גימאכט דעם טאג ראש חודש. דער נאך אז די בייתוסין (אפקורסים) האבען קאליע גימאכט. האבין דיא רבנן גימאכט א תקנה מען זאל ניט אן נעמען קיין עדות נאר פון די מענטשין וואס מען קען זייא:

גמרא. תנו רבנן. די רבנן האבען גילערנט וואס האבען די בייתוסין קאליע גימאכט. אמאהל האבין דיא בייתוסין גיוואלט נארין די חכמים. האבין זיי גידונגען צוויי מענטשין

פאר

אחד משלנו ואחד משלהם שלהם העיד עדותו ויצא שלט אמרו לו אמור כיצד ראית את הלבנה אמר להם עולה הייתי במעלה אדומים וראיתיו שהוא רבוץ בין שני סלעים ראשו דומה לעגל אזניו דומין לגדי קרניו דומות לצבי וזנבו מונחת לו בין ירכותיו והצצתי בו ונרתעתי ונפלתי לאחורי ואם אין אתם מאמינים לי הרי שני מאות זוז צרורין לי בסדיני אמרו לו מי הזקיקך לכך אמר להם שמעתי שבקשו בייתוסים להטעות את חכמים אמרתי אלך אני ואודיע להם שמא יבואו בני אדם שאינן מהוגנין ויטעו את חכמים אמרו לו שני מאות זוז נתונים לך במתנה והשוכרך ימתח על העמוד באותה שעה התקינו שלא יהיו מקבלין אלא מן המכירים] :

ב מתני' בראשונה היו משיאין משואות משקלקלו הכותים התקינו שיהו שלוחין יוצאין כיצד היו

החדש סיום: אחד משלנו. ואלו כהיו וכו': ב' אלו נתונים לך במתנה. והכא דקאי לעכבן ואפ"ה שלא הכלמת תנאי שלך לשוכרך דיה רשות לבית דין לקמוס ממון ולעבותו הפקר כדאמרינן ביבמות: ימתח על העמוד. למלקות כדאמרי' במס' מכות כופה ב' ידיו על העמוד:

בראשונה היו משיאין משואות. לאחר שקדשו את החדש ולא היו צריכים לשכור שלוחים ללכת לגולה להודיע כי המשואות מודיעין אותן: משקלקלו הכותים. והשיאו גם הם משואות שלא בזמן הקדוש להטעות ישראל וב"ד לא היו משיאין משואות אלא בחדש המתקדש ביום ל' כדאמרינן בפירקין וכשלא היו משיאין בערב יום ל' הכל יודעין שהחדש מעובר ופעם אחר עברו בית דין את החדש ולא השיאו משואות לערב שלשים והכותים

---

פאר פיר הונדערט גילדין. איינער איז געוועזן פון אונזערע מענטשין אונ איינער איז געוועזן פון די בייתוסים: דער וואס איז געוועזן פון די בייתוסים האט אפ גזאגט זיינע עדות אז ער האט היינט געזעהן די נייע לבנה. אונ איז אוועק גיגאנגען. דער וואס איז געוועזן פון אונזערע האבען בית דין צו איהם גזאגט זאג ווי אזוי האסטו געזעהן די נייע לבנה היינט. האט דער עדות גזאגט פאר בית דין. איך בין ארויף גיגאנגען אויף דעם בארג אדומים האב איך געזעהן די לבנה ליגט צווישען צוויי שטיינער. דער קאפ איז אזוי וויא פון א קאלב. די אויערין זענען אזוי ווי פון א ציג. דיא הערנער זענען אזוי וויא פון א הערש. דער ווידיל ליגט צווישען די פיס. ווי איך האב מיך נוט איין גיקוקט אויף די לבנה. בין איך פאר ציטערט גיווארין אונ בין גיפאלען אינטער מיר. אונ אויב איר גלויבט מיר ניט. דא זענען צוויי הונדערט גילדין איין גיבונדען אין מיין לייבאך: איך זאל אייך גיבען. האבין בית דין גזאגט צו איהם ווער האט דיך גיהייסט דער צו אז דו זאלסט אונז וועלין נארין. האט דער עדות גזאגט צו בית דין איך האב גיהערט אז דיא בייתוסים ווילען נארין די חכמים. אז מען האט היינט געזעהן די נייע לבנה. האב איך גזאגט צו די בייתוסים דינגט מיך איך וועל זיי נארין. ואונ אין אמת האב איך גימיינט אייך אן צו זאגין אז מען האט היינט ניט געזעהן די נייע לבנה. ווארום איך האב מורא גיהאט טאמער וועלין זיי דינגען אזעלכע מענטשין וואס זענען ניט פרום וועלין זיי טאקי נארין דיא חכמים. האבין די חכמים גזאגט צום עדות די צוויי הונדערט גילדין זענען דיר גישאנקט אונ דער וואס האט דיך גידונגען וועט מען איהם ארויף ציהען אויף דעם ברעט אונ מען וועט איהם שלאגין מלקות. אין דער צייט האבען דיא חכמים גימאכט א תקנה מען זאל ניט אן נעמען עדות נאר אזעלכע מענטשין וואס מען קען זייא:

ב מתניתין. בראשונה. אין אנהייב איז געוועזן אויב בית דין האבען גימאכט ראש חודש דעם דרייסיגסטען טאג. האבען זיי גיהייסען מען זאל ביי נאכט אן צינדען פייאר אויף אלע בערג פון ארץ ישראל. האבען שוין אלע גיוואוסט אז דער טאג איז געוועזן ראש חודש. דער נאך האבען די כותים גינארט די יודין. אז מען האט ניט גימאכט דעם דרייסיגסטען טאג ראש חודש האבין די כותים אן גיצונדען פייאר אויף אלע בערג. האבען די יודין גימיינט אז די חכמים האבען אן גיצונדען די פייער. האבען זיי גירעכונט ראש חודש פון דרייסיגסטען טאג. האבען די חכמים גימאכט א תקנה מען זאל שוין ניט צינדען פייער אויף די בערג. נאר מען פלעגט ארויס שיקען מענטשין אן זאגין וועלכער טאג איז געוועזן ראש חודש. וויא אזוי

**היו** משיאין משואות כביאין כלונסאות של ארז ארוכין וקנים ועצי שמן ונעורת של פשתן וכורך במשיחה ועולה לראש ההר ומצית בהן את האור ומוליך ומביא ומעלה ומוריד עד שהוא רואה את חבירו שהוא עושה כן בראש ההר השני וכן בראש ההר השלישי:

(דף כג) **גמ'** כתיב (ישעיה לג) וצי אדיר לא יעברנו (אמר רב יהודה) אמר רב זו בורני גדולה היכי עבדי מייתין שיתא אלפי גברי בתריסר ירחי שתא ואמרי לה תריסר אלפי גברי בשיתא ירחי שתא (ומייתי ספינתא) וטענין לה חלא עד דשכנא ונחית בר אמוראי וקטר אטוני דכיתנא בכיסתא וקטר להו בספינתא ממלי חלא ושדי אבראי וכמה דמידלי עקרא ומייתי ומחליף על חד תרין בכספא תלת פרוותא הווין תרתי בי רומאי וחדא בי פרסאי, דבי רומאי מסקן כיסתא דבי פרסאי מסקן מרגניתא ומקרייא פרוותא דמשכהיג. א"ר יוחנן כל שיטה ושיטה שנטלו האומות מירושלים עתיד הקב"ה להחזירן לה שנאמר (ישעיה מא) אתן במדבר

כשיאור נהריב שלהם והשטו כמי הגולה למשוא הכר: כלונסאות. פירטיק"י בלע"ז: ארוכים. כדי שיראו למרחוק: וקנים ועצי שמן ונעורת של פשתן. כל אלו מרבים שלהבת: וכורך במשיחה. לינ"י בלע"ז קושרם בהוצ של משיחה בראשי הכלונסאות:

וצי אדיר לא יעברנו. נגזל שעתיד אלא מבית קדשי הקדשים: זו בורני גדולה. ספינה בקורין דרומנ"ס: היכי עבדי. אותה בורני גדולה למאי עבידא: חלא. חול: עד דשכנא. שוקעים בקרקעית הים ועודנה נראית למעלה מן המים כי במקום שהאלמוגים גדלים בים אין הים עמוק כל כך: בר אמוראי. מלומד לשוט בנהרות: וקטר אטוני דכיתנא. הבילי פשתן שהן קשין לינתק וקושר ראשן האחד בשרש האילן שבמו כיסתא פי' קנ"ל וראשי אחד בבורני ושקלי סך גברי מן דספינה ושדו לאבראי והיא עולה מתוך המים ועוקרת שרשי האילן: פרוותא. פורטא בלע"ז ובלשון משנה גמל: מסקן מרגניתא. מקרקעית הים על ידי בר אמוראי: ומקרייא פרוותא דמשכהיג. אותה של פרסיים נקראת גמל של

פלענט מען אן צינדען די פייער. מען האט גיבראכט לאנגע שטעקינס פון טענען האלץ. אונ דינע שטעקלאך. אונ פעטע האלץ. קיהן. אונ שטעקלאך פון פלאקס. אונ ער נעמט אלץ צו זאמען אונ בינט ארום מיט אשנירול. אונ ער גייט ארויף אויף דעם שפיץ בארג. אונ ער צינדט אן דיא שטעקלאך מיט פייאר. אונ ער פירט דעם פייער פון זיך אונ צוא זיך. ארויף אונ אראפ. ביז ער זעהט אז זיין חבר טוהט אויך אזוי אויף דעם אנדערן בארג. אונ אזוי הט מען גיטאהן אויף דעם דריטען בארג. אונ אויף אלע בערג:

גמרא. כתיב. עס שטייט אין פסוק וצי אדיר לא יעברנו. אשטארקע צי וועט ניט קענע אריבער שיפען דעם טייך וואס וועט ארויס גיין פון קדשי קדשים. וואס איז צי. האט רב יהודה גזאגט פון רבס וועגין דאס מיינט מען אגרויסע שיף. ווס מאכט מען מיט אזוי אגרויסע שיף. מען ברייגגט זעקס טויזענד מענטשין אין צוועלף חדשים פון יאהר. אנדערע זאגין מען ברייגגט צוועלף טויזענד מענטשין אין זעקס חדשים פון יאהר. אונ זיי שיטען ארין זאמד אין די שיף ביז די שיף בלייבט שטיין אויף דעם גרונט פון ים. וואו די שיף איז הויך ביז איבער דעם וואסער ווארום אויף דעם ארט וואו דיא קרעלין וואקסען אין ים. איז דער ים ניט טיף. אונ אשווימער גייט ארין אין וואסער אונ נעמט מיט אשטריק פון פלאקס אונ בינט אן איין עק שטריק אן דעם ווארציל פון דעם קרעלין בוים. אונ דעם אנדערן עק שטריק בינט ער אן אויף די שיף. אונ די מענטשין נעמען די זאמד פון שיף אונ ווארפען ארויס אין וואסער. אונ ווי די שיף הייבט זיך אויף רייסט זיך אויס דער ווארציל פון דעם קרעלין בוים. אונ זיי נעמען ארין דעם בוים אין די שיף. אונ שווימען מיט די שיף צום פארט. אונ ווי פיל דער קרעלין בוים וועגט נעמען זיא צוויי מאהל אזוי פיל זילבער. דריי פארטין איז גיוועזן: צוויי אין רוים אונ אייגער אין פרסיען. די צוויי פארטין פון רוים פלעגין ברייגגען קרעלין פון ים. דער פארט פון פערסיען פלעגט ברייגגען פעריל פון ים אויך דורך אשווימער. אונ דער פארט פון פערסיע ווערט גירופען דער קעניגליכער פארט. רבי יוחנן האט גזאגט יעדער בוים שטה וואס די פעלקער האבען גינומען פון ירושלים וועט איר גאט צוריק געבין אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט זאגט איך וועל געבין אין דער מדבר בוימער וואס הייסן ארז שטה

הדרס

במדבר ארז שטה והדס ועץ שמן וגו׳ ואין מדבר אלא ירושלים שנאמר (שם סד) ציון מדבר היתה ירושלים שממה . ואמר רבי יוחנן כל הלומד תורה ואינו מלמדה דומה להדס במדבר דליכא דליתהני מיניה . א״ר (אמר רבי יוחנן) כל הלומד תורה ומלמדה במקום שאין תלמיד חכם דומה להדס במדבר דחביב (לכל ומאן דשקיל מיניה שקיל) . ואמר רבי יוחנן אוי להם לעכו״ם שאין להם תקנה שנאמר (שם ס) תחת הנחשת אביא זהב ותחת הברזל אביא כסף ותחת העצים נחשת וגו׳ תחת רבי עקיבא וחבריו מאי מביאין ועליהם נאמר (יואל ד) ונקיתי דמם לא נקיתי וה׳ שוכן בציון :

הפטרה : ונקיתי דמם לא נקיתי . אם באתי לנקות את האומות מאשר עונות לא אנקה אותם מדמי של ישראל :

פגימתה לפני החמה . פונה לצד החמה או לצד אחר ועלה קתני ליפא אם אמר לפני החמה לא אמר כלום דמעולם לא ראתה חמה פגימתה של לבנה :

ולא לימרו עובדיה . דעובדין החמה : גירי קא משדיא . החמה בזאת הגיס היא יורה באלאם בכוכבים גם שהירח נקשה מהן פגימתה נקשה לצד פניו :

(שם ע״ב) **ג אמר** אביי פגימתה לפני החמה או לאחר החמה אם אמר לפני החמה לא אמר כלום דאמר רבי יוחנן מ״ד (איוב כה) המשל ופחד עמו עושה שלום במרומיו מעולם לא ראתה חמה פגימתה של לבנה ולא פגימתה של קשת פגימתה של לבנה דחלשה דעתה פגימתה של קשת דלא ליטרו עובדי חמה גירי קא משדיא :

(דף כד) **ד מתני׳** ראש בית דין אומר מקודש וכל העם עונים אחריו מקודש וכו׳ . מה״ם

---

הדס עץ שמן . מדבר מיינט מען ירושלים . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ציון איז געווארין מדבר ירושלים איז געוו ארין וויסט . נאך האט רבי יוחנן געזאגט דער וואס האט געלערנט תורה אונ ער לערנט ניט מיט אנדערע מענטשין . איז ער אזוי וויא אהדס וואס וואקסט אין דער מדבר . עס איז ניטא ווער עס זאל פון איהם פערגעניגען האבען . אנדערע זאגען דער וואס לערנט תורה אונ לערנט מיט אנדערע מענטשין וואו עס איז ניטא קיין אנדער תלמיד חכם וואס זאל מיט זיי לערנען . איז ער אזוי ווי אהדס אין דער מדבר וואס ער איז ליב צוא אלע מענטשין . נאך האט רבי יוחנן געזאגט וויי צו די פאר צייטיגע פעלקער וואס זייא האבען אוס גיהרגת אזוי פיל תלמידי חכמים . וואס זיי קענען גאר ניט האבען קיין בעשטאנד ביי דעם יום הדין . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט זאגט פאר ארץ וואס די פעלקער האבען צו גינומען פון דיא יודין . וועל איך זיי אפ געבין בעסער . פאר קופער וועל איך ברייגגען גאלד . פאר אייזין וועל איך ברייגגען זילבער . פאר האלץ וועל איך ברייגגען קופער . פאר רבי עקיבא מיט זיינע חברים וואס וועט מען ברייגגען . אויף זיי זאגט דער פסוק גאט זאגט פון אלע עבירות וועל איך ריינגען די פעלקער . נאר פון די יודישע בלוט וואס זיי האבין פר גאסען וועל איך זיא ניט ריינגען . אונ גאט וועט רוהען אין ציון :

**ד** אמר . אביי האט געזאגט מען האט גיפרעגט די עדות ווי אזוי דיא לבנה האט אוס גיזעהן . אויב די שפיצען פון די לבנה איז גיוועזן געגין דיא זוהן אדער אינטער דיא זוהן . געגין צוין אנדער זייט . אויב די עדות זאגין די שפיצען פון די לבנה זענען גיוועזן געגין די זוהן . איז זייערע רייד גאר ניט . ווארום רבי יוחנן האט געזאגט וואס מיינט דער פסוק גיוועלטיגקייט אונ מורא איז מיט גאט ער מאכט שלום אין הימעל . דאס מיינט מען די זוהן האט קיין מאהל ניט גיזעהן די שפיצען פון די לבנה אונ ניט די שפיצען פון רעגינבויגין . דיא זוהן האט ניט גיזעהן די שפיצען פון די לבנה . די דעה פון די לבנה זאל ניט שוואך ווערין אונ זיא זאל ניט אין כעס ווערין אויף די זוהן . ווייל דורך איר איז זיא קלענער גיווארין . אונ די זוהן האט ניט גיזעהן די שפיצען פון רעגינבויגין . די וואס דינען צו די זוהן זאלען ניט זאגען די זוהן שיסט מיט פיילען צו די וואס דינען איר ניט :

**ה** מתניתין . ראש . דער גרעכטער פון בית דין האט געזאגט מקודש דער טאג איז גיהייליגט . היינט איז ראש חודש . אונ אלע מענטשין וואס זענען גיוועזן ביי בית דין האבען

אג ישריי

**גמ'** מה"מ אמר רבי חייא בר גמדא אמר רבי יוסי בן שאול אמר (רב) [רבי] אמר קרא (ויקרא כג) וידבר משה את מועדי ה' מכאן שראש בית דין אומר מקודש וכל העם עונין אחריו מקודש מקודש מנא לן אמר רב **פפא** אמר קרא (שם) **אשר** הקראו אותם קרי ביה אתם רב נחמן בר יצחק אמר (שם) אלה הם מועדי הם יאמרו **מועדי** מקודש מקודש תרי זימני לכה לי דכתיב מקראי קודש:

מקראי קדש . תרי זימני משמע : דמות צורות לבנות . בל' לבנה : לא תעשון אתי . צורות העומדים אתי : במדור מעליון .

**ה מתני'** דמות צורות לבנה היו לו לר"ג בטבלא ובכותל בעלייתו שבהן מראה **את** ההדיוטות ואומר הכזה ראית או כזה:

**גמ'** ומי שרי והכתיב (שמות כ) לא תעשון אתי לא תעשון כדמות שמשי אמר אביי לא אסרה תורה אלא שמשים שאפשר לעשות כמותן כדתניא לא יעשה אדם בית **תבנית** היכל וכו' (שם ע"ג) ושאר שמשין מי שרי והתניא לא תעשון אתי לא תעשון כדמות שמשי המשמשין לפני במרום כגון אופנים ושרפים וחיות הקודש וכה"ש אמר **אביי** לא אסרה תורה **אלא** שמשים

---

אנישרייען גיטאהן נאך איהם מקודש . זאגט די גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז דער גרעסטער פון בית דין דארף זאגין מקודש . האט רבי חייא בר גמדא גזאגט רבי יוסי בן שאול האט גזאגט פון רבים ווענין עס שטייט אין פסוק וידבר משה את מועדי יי . משה האט גירעט די ימים טובים פון גאט . דאס מיינט מען משה האט גידארפט זאגין היינט איז גיהייליגט גיווארין דער באג יום טוב . אדער היינט איז גיהייליגט גיווארין דער טאג ראש חודש : אזוי אלע מאהל דארף אויך דער גרעסטער פון בית דין זאגען מקודש . והיינטיגער טאג איז הייליג . ראש חודש אדער יום טוב . אונ פון וואנען ווייסען מיר אז אלע מענטשין וואס זענען גיווען ביי בית דין האבען גידארפט אנישרייי טאהן נאך איהם מקודש מקודש . האט רב פפא גזאגט עס שטייט אין פסוק אשר תקראו אותם . זאלסט ניט לייענען אותם . נאר אתם . אשר תקראו אתם . דאס זענען די ימים טובים וואס איר זאלט רופען . דארפען דיא יודין אויך רופען היינט איז יום טוב . אדער ראש חודש . רב נחמן בר יצחק זאגט עס שטייט אין פסוק אלה הם מועדי . מיינט דער פסוק זייא זאלען זאגין היינט איז יום טוב היינט איז **ראש חודש** . פרעגט די גמרא צו וואס דארפין זיי זאגין צוויי מאהל מקודש . ווארום אין פסוק **שטייט** מקראי קודש . מען זאל רופען צוויי מאהל **קודש**:

**ו** מתניתין . דמות . רבן גמליאל האט גיהאט אויס גימאלטע **לבנות אויף** צבריעט **אונ** אויף די וואנט אויף דעם בוידים . וואס ער פלעגט זיי ווייזען די פראסטע מענטשין וואס פלעגין קומען עדות זאגין אויף די נייע לבנה . אונ ער פלעגט זייא פרעגין האט איר אזוי גיזעהן אדער איר האט אזוי גיזעהן . פרעגט די גמרא מעג מען דען אויס מאלען אלבנה : עס שטייט דאך אין פסוק לא תעשון אתי . איר זאלט ניט מאכען אזוי אנישטאלט ווי מיינע בדינער זענען . האט אביי גזאגט די תורה האט נאר פאר באטען מען זאל ניט מאכען אזו אנישטאלט וואס מען קען מאכען ריכטיג אזוי וויא דער וואס איז אין הימעל . אבער מע קען דאך ניט מאכען אזוי אלבנה ווי די וואס אין הימעל איז . עס איז נאר גימאלט ווי די לבנה זעהט אויס . דריבער מעג מען . אזוי ווי מיר האבען גילערנט אמענטש זאל ניט מאכען אשטוב אזוי וויא דער היכל איז גיוועז . אבער אז עס איז גימאכט אביסול אנדערש מעג מען . פרעגט די **גמרא** אונ ווי אנדערע בדינער פון גאט מעג מען מאכען . מיר האבען דאך גילערנט עס שטייט אין פסוק לא תעשון אתי . איר זאלט ניט מאכען אזוי אנישטאלט וויא מיינע בדינער וואס דינען פאר מיר אין הימעל זענען . איר זאלט ניט מאכען אופנים **אונ** ניט שרפים **אונ** ניט חיות הקודש . אונ ניט מלאכים . האט אביי גזאגט די תורה האט נאר פאר באטען מען זאל ניט מאכען אזוי אנישטאלט וויא דיא בדינער פון **אובערשטין וואוהנונג פון זיבעטין הימעל** זענען

שמשים שבמדור העליון . ושבמדור התחתון מי שרי והתניא אשר בשמים לרבות חמה ולבנה כוכבים ומזלות במעל לרבות מלאכי השרת כי תניא ההיא לעבדם אי לעבדם אפילו שלשול קטן נמי אה"נ דתניא אשר בארץ וכו' . אב"א דפרקים הוה ואב"א להתלמד עבד וכתיב (דברים יח) לא תלמד לעשות אבל אתה למד להבין ולהורות :

פירוש

פרקיע ז' דדייקיק לחי אבל חמה ולבנה כוכבים ומזלות במדור התחתון הן ברקיע השני כדאמריק במס' חגיגה : שלשול . תולעת :

(דף כה) ו משנה מעשה שבאו שנים ואמרו ראינוהו שחרית במזרח ערבית במערב אמר רבי יוחנן בן נורי עדי שקר הן וכשבאו ליבנה קיבלן ר"ג . ועוד באו שנים ואמרו ראינוהו בזמנו וליל עיבורו לא נראה וקיבלן ר"ג אמר רבי דוסא בן הרכינס עדי שקר הן היאך מעידים על האשה שילדה ולמחר

כריסה

---

זענען . אבער אויס צו מאלען די זוהן די לבנה וואס זיי זענען אין אונטערשטין וואוהנונג אין אנדערין הימעל . דאס מעג מען . פרעגט די גמרא אונ די זאכען וואס זענען אין אונטערשטין וואוהנונג מעג מען אויס מאהלען . מיר האבען דאך גילערונט עס שטייט אין פסוק אשר בשמים . וואס אין הימעל : דאס מיינט מען דוא זאלסט ניט אויס מאהלין די זוהן די לבנה די שטערין די מזלות . נאך שטייט אין פסוק ממעל . פון הויבין . דאס מיינט מען דו זאלסט ניט אויס מאהלין מלאכים וואס זענען אין דעם העכערין הימעל . ענטפערט די גמרא דאס מיינט מען מען זאל זיי ניט אויס מאהלין צום דינען זיי . פרעגט די גמרא אויב צום דינען טאר מען דאך ניט אויס מאהלען אפילו א קליין ווערעמיל . ענטפערט די גמרא עס איז טאקי אזוי . אפילו א קליין ווערעמיל טאר מען אויך ניט אויס מאהלין אויב מען מיינט איהם צו דינען . ווארום מיר האבען גילערונט עס שטייט אין פסוק אשר בארץ . אלץ וואס אויף די ערד איז טאר מען ניט צו זיי דינען . ענטפערט די גמרא דיא לבנה וואס רבן גמליאל האט אויס גימאלט איז דאס גיווען אויף עטליכע שטיקער האלץ . אונ ווען די עדות זענען גיקומען האט מען דאס צו זאמען גישטעלט האט דאס אויס גיזעהן אזוי ווי א לבנה . דער נאך האט מען דאס צו נומען . אונ אזוי מעג מען . אדער ווייל רבן גמליאל האט דאס נאר אויס גימאלט צום לערנען אונ וויסען ווי צו פרעגין די עדות . מעג מען דאס אויס מאהלין אויף איין ברעט אויך . אזוי וויא מיר געפינען ביי כישוף . מען טאר ניט לערנען כישוף צוא מאכען כישוף . אבער מען מעג לערנען כישוף מען זאל וויסען וואס כישוף איז ציא פסקנן אדין ווער עס איז א מכשף מען זאל איהם הרגנן אדער ניין :

ז משנה . מעשה . עס האט אמאהל גיטראפען צוויי מענטשין זענען גיקומען אונ האבען גזאגט מיר האבען גיזעהן די נייע לבנה אין דער פריה אין מזרח זייט . אונ אנהייב אבינט האבין מיר זי גיזעהן אין מערב זייט . האט רבי יוחנן בן נורי גזאגט זיי זענען פאלשע עדות . ווארום די לבנה קען ניט זיין אין דער פריה אין מזרח זייט אונ פארין נאכט אין מערב זייט . אונ אז די עדות זענען גיקומען אין יבנה אונ האבען אזוי גזאגט פאר רבן גמליאל . האט רבן גמליאל זיי אן גינומען פאר ערליכע עדות . ווארום רבן גמליאל זאגט עס קען יא זיין די לבנה זאל זיין אין דער פריה אין מזרח זייט אונ פארין נאכט אין מערב זייט . נאך האט גיטראפין צוויי מענטשין זענען גיקומען אונ האבען גזאגט מיר האבען גיזעהן די נייע לבנה די נאכט וואס גיהער צום דרייסיגסטען טאג . אונ די נאכט וואס גיהער צום איין אונ דרייסיגסטען טאג האט מען דיא נייע לבנה געווים בעדארפט זעהן . אונ מען האט איר אבער ניט גיזעהן . פון דעסטוועגין האט רבן גמליאל זיי אן גינומען פאר ערליכע עדות אז עס איז אמת זיי האבען טאקי גיזעהן די נייע לבנה די נאכט וואס גיהער צום דרייסיגסטען טאג . רבי דוסא בן הרכינס זאגט זייא זענען פאלשע עדות . ווי אזוי קען מען עדות זאגין אויף אאשה זיא האט היינט גיבארען א קינד . אונ מארגין זעהט מען אז דער בויך אידער איז גרויס ביז דיא ציין . מען זעהט אז זיא טראגט נאך . דא איז אויך אזוי . אז מען זעהט היינט ניט די נייע לבנה ווי אזוי האט מען איר גיזעהן נעכטין .

די

בריסה בין שיניה. אמר לו ר' יהושע רואה אני את דבריך שלח ליה רבן גמליאל לרבי יהושע גוזר אני עליך שתבא אצלי במקלך ובמעותיך ביום שחל יוה"כ להיות בחשבונך הלך ומצאו רבי עקיבא מיצר אמר לו יש לי ללמוד שכל מה שעשה ר"ג עשוי שנאמר (ויקרא כג) אלה מועדי ה' מקראי קודש וגו' בין בזמנן ובין שלא בזמנן אין לי מועדות אלא אלו בא לו אצל רבי דוסא בן הרכינס א"ל אם באין אנו לדון אחר בית דינו של ר"ג צריכין אנו לדון אחר כל בית דין ובית דין שעמד להן לישראל מימות משה עד עכשיו שנאמר (שמות כד) ויעל משה ואהרן נדב ואביהוא ושבעים מזקני ישראל למה לא נתפרשו שמותן של זקנים אלא ללמדך שכל ג' וג' שנתמנו בית דין על ישראל הרי הן כבי"ד של משה נטל מקלו ומעותיו בידו והלך ליבנה אצל ר"ג ביום שחל יוה"כ להיות בחשבונו עמד ר"ג ונשקו על ראשו אמר לו בוא בשלום רבי ותלמידי רבי בחכמה ותלמידי שקיימת את דברי:

רואה אני את דבריך. נעבר את החדש: הלך ומצאו. ר"ע לר' יהושע מיצר על שגזר עליו לחלל יוה"כ: אשר תקראו. בקריאת בית דין תלאן הכתוב: בא לו. ר' יהושע אצל ר' דוסא: ולמה לא נתפרשו שמותן וכו' שאם בא אדם לדון אחר בית דין שבימיו ולומר וכי בית דין זה כמשה ואהרן הוא או כאלדד ומידד אומרים לו שמא חשוב כב' מן השאר שלא נתפרשו שמותם:

תנו

---

ודי זאך האט גיטראפען ביי ראש חודש תשרי. למשל ווי די עדות האבען גזאגט האט גידארפט זיין ראש חודש תשרי מאנטאג. אונ יום כפור דיא אנדערע וואך מיטוואך). האט רבי יהושע גזאגט צו רבי דוסא מיר גיפעלט דיינע רייד. מען זאל מאכען ראש חודש דינסטאג. אונ יום כפור וועט זיין די אנדערע וואך דאנערשטאג. ואונ רבן גמליאל האט גימאכט וויא דיא עדות האבען גזאגט. מאנטאג ראש חודש תשרי אונ מיטוואך יום כפור). האט רבן גמליאל געשיקט צו רבי יהושע איך בין אויף דיר גוזר דוא זאלסט קומען צו מיר מיט דיין שטעקין אונ מיט דיין געלט אין דעם טאג וואס עס וועט זיין דיין יום כפור אום דאנערשטאג. איז גיגאנגען רבי עקיבא אונ האט גיטראפען רבי יהושע האט צער. וואס רבן גמליאל האט אויף איהם גוזר גיוועזען ער זאל מחלל זיין יום כפור. האט רבי עקיבא גזאגט צו רבי יהושע איך קען אפ לערנען פון אפסוק אז אלץ וואס רבן גמליאל האט גיטאהן איז אזוי גוט. ווארום עס שטייט אין פסוק דאס זענען די ימים טובים פון גאט וואס ווערין גירופען הייליג. וואס איר וועט זייא רופען הייליג ואיר וועט זיי הייליגען. סיי צו דער צייט אונ ביי ניט צו דער צייט איז ניטא קיין אנדערע ימים טובים נאר די וואס בית דין מאכען זייא פאר יום טוב. דער נאך איז רבי יהושע גיקומען צו רבי דוסא בן הרכינס. פרעגין ביי איהם וואס ער זאל טאהן. האט רבי דוסא גזאגט צוא רבי יהושע אויב מיר וועלין קומען קלערין נאך דעם בית דין פון רבן גמליאל אויב זיי פסקנן גוט אדער ניין. דארפין מיר קלערין נאך יעדער בית דין וואס ביי די יודין איז גיוועזען פון משה רבינו ביז היינט אויב זיי האבען גוט גיפסקנט אדער ניין. אונ עס שטייט אין פסוק משה אונ אהרן נדב ואביהוא אונ זיבעציג אלטע יודין זענען ארויף גיגאנגען. פאר וואס שטייט ניט אין דער תורה די נעמען פון דיא זיבעציג זקנים. נאר דער פסוק לערונט אונז אז יעדערע דריי מענטשין וואס ווערין גימאכט פאר אבית דין אויף די יודין. זענען זיי אזוי וויא דער בית דין פון משה רבינו. ווארום אז מען וועט פרעגין אויף די דריי מענטשין אויב זייא זענען ווערט צו זיין דיינים. וועט מען זאגין טאמער זענען זייא אזוי פיל ווערט וויא דריי פון דיא זיבעציג. מיר ווייסין דאך ניט ווער די זיבעציג זענען גיוועזען. האט רבי יהושע גינומען זיין שטעקין אונ זיין געלט אין האנט אונ איז גיגאנגען אין יבנה צו רבן גמליאל אין דעם טאג וואס איז גיוועזען יום כפור נאך זיין רעכענונג. ווי רבן גמליאל האט איהם דער זעהן האט ער זיך בייגעשטעלט אונ האט איהם אקוש גיטאהן אויף זיין קאפ אונ ער הט גזאגט צו רבי יהושע קום מיט פרידען מיין רבי אונ מיין תלמיד. דו ביסט מיין רבי אין חכמה אונ ביסט מיין תלמיד דו האסט מקיים גיוועזען מיינע רייד:

תנו

שלא יאמר אדם. על כ"ד שבימיו זה פלוני כמשה ואהרן הוא או כאלדד ומידד שמתמעט לו עכשיו שלא נתפרשו לאמר לו אם אינו כמשה ואהרן שמא הרי הוא כאחד מן אלו זקנים שאין יודעין שמם: ואומר ה' אשר עשה את משה ואת אהרן וגו'. שמואל הנביא אמר לישראל הקב"ה עשה לכם נסים על ידי ז' זקנים כלנו משה ואהרן ירובעל בדן יפתח שמואל: ואומר. בספר תהלים משה ואהרן וגו' הרי שקל הכתוב שמואל כמשה ואהרן והכתובים שהכתובים כתבו ירובעל ובדן ויפתח עם משה ואהרן ושמואל ג' קלים עם ג' חמורים: הא אין לך וכו'. הא נמוך הכתוב כאן שאין לך לבקש אלא שופט שהוא בימיך: אל תאמר מה היה. גמ':

**גמ'** תנו רבנן (שמות כד) (ושבעים מזקני ישראל) למה לא נתפרשו שמותם של זקנים שלא יאמר אדם לחברו פלוני כמשה ואהרן פלוני כאלדד ומידד פלוני כנדב ואביהוא. ואומר (שמואל א יב) ויאמר שמואל אל העם ה' אשר עשה את משה ואת אהרן וגו' (ואומר) (שם) וישלח ה' את ירובעל ואת בדן ואת יפתח ואת שמואל ירובעל זה גדעון ולמה נקרא שמו ירובעל שעשה מריבה עם הבעל בדן זה שמשון ולמה נקרא שמו בדן דאתי מדן יפתח כמשמעו (שם ע"ב) ואומר (תהלים צט) משה ואהרן בכהניו ושמואל בקוראי שמו שקל הכתוב ג' קלי עולם כג' חמורי עולם לומר לך ירובעל בדורו כמשה בדורו בדן בדורו כאהרן בדורו יפתח בדורו כשמואל בדורו ללמדך שאפילו קל שבקלים ונתמנה פרנס על הצבור הרי הוא כאביר שבאבירים ואומר (דברים יז) ובאת אל הכהנים הלוים ואל השופט אשר יהיה בימים ההם וכי תעלה על דעתך שאדם הולך אצל שופט שלא היה בימיו הא אין לך אלא שופט שהיה בימיו ואומר (קהלת ז) אל תאמר מה היה שהימים הראשונים היו טובים מאלה:

נטל

---

גמרא. תנו רבנן. די רבנן האבען געלערנט עס שטייט אין פסוק מיט משה זענען געגאנגען זיבעציג אלטע יודין. פאר וואס שטייט ניט די נעמען פון דיא זיבעציג אלטע יודין. נאר אמענטש זאל ניט זאגען צו זיין חבר אויף דעם בית דין וואס איז אין זיין צייט איז ער דען אזוי ווי משה רבינו אדער אזוי ווי אהרן אדער אזוי ווי אלדד אונ מידד אדער אזוי וויא נדב ואביהוא וואס איך זאל מוזין טאהן אזוי וויא ער זאגט. וועט איהם זיין חבר ענטפערין טאמער איז ער אבער אזוי וויא די זיבעציג וואס זענען געוועזן מיט משה רבינו. מיר ווייסען דאך ניט ווער די זיבעציג זענען געוועזן. נאך זאגט דער פסוק שמואל האט גזאגט צום פאלק גאט וואס ער האט באשאפען משה אונ אהרן. נאך זאגט דער פסוק גאט האט געשיקט ירובעל אונ בדן אונ יפתח אונ שמואל. ירובעל איז גדעון. פאר וואס רופט מען איהם ירובעל ווייל ער האט געקריגט מיט די עבודה זרה. בדן מיינט מען שמשון. פאר וואס רופט מען איהם בדן ווייל ער איז פון שבט דן. נאך זאגט דער פסוק משה אונ אהרן זענען דינערס פון גאט אונ שמואל איז פון די וואס רופען דעם נאמען פון גאט. איז שמואל געגליכען געווארין צו משה מיט אהרן. רעכנט דער פסוק זעקס מענטשין וואס האבין גיהאלפען דיא יודין. דריי די גרעסטע פון דער וועלט. משה אהרן שמואל. אונ דריי קלענערע. ירובעל שמשון יפתח. צו לערנען אונז אז ירובעל ביי זיין דור איז געוועזן אזוי גרוס וויא משה רבינו ביי זיין דור אונ שמשון ביי זיין דור איז געוועזן אזוי גרוס ווי אהרן ביי זיין דור. אונ יפתח ביי זיין דור איז געוועזן אזוי גרוס וויא שמואל ביי זיין דור. דאס לערנט אונז אז אפילו דער קלענסטער פון דיא קלענסטע אז ער איז געווארין אפירער אין אשטאט. זאלסטו איהם געבין כבוד גלייך וויא ער וואלט געוועזן דער גרעסטער פון דיא גרעסטע. נאך זאגט דער פסוק דוא זאלסט קומען צו די כהנים די לוים אונ צום שופט וואס וועט זיין אין דיינע צייטען. איז דאך א קשיא צו וואס דארף דער פסוק דאס זאגין וועלין מיר דען מיינען אז אמענטש וועט גיין צו דעם שופט וואס וועט ניט זיין אין זיינע צייטען. נאר דער פסוק מיינט דוא זאלסט גיט פערלאנגען קיין אנדער שופט נאר דעם וואס איז אין דיין צייט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אמענטש זאל ניט זאגין וואס עס איז געוועזן. די ערשטע טעג זענען געוועזן בעסער ווי היינטיגע. די ערשטע דיינים זענען געוועזן בעסערע ווי היינטיגע דיינים. דאס איז געווען ווייל אלע מענטשין זענען געוועזן פאר צייטין גרויסע צדיקים. האבען די דיינים געמוזט זיין נאך

טרעסערע

ח **פיסקא** נטל מקלו ומעותיו בידו וכו׳. ת"ר וכיון שראה אותו ר"ג עמד על רגליו מכסאו ונשקו על ראשו א"ל שלום עליך רבי ותלמידי רבי שלמדתני הורה ברבים ותלמידי שאני גוזר עליך גזרה ואתה מקיימה כתלמיד אשרי הדור שהגדולים נשמעין לקטנים ק"ו קטנים נשמעין לגדולים ק"ו חיובא הוא אלא מהוך שהגדולים נשמעים לקטנים נשאו קטנים ק"ו בעצמן :

פרימים כראשונים היו טובים מאלה כי לא מחכמה שאלת על זה. שלפי הדורות היו טובים ולדיקים מן האחרונים לפ כך היו הימים הראשונים טובים מאלה מאי הסבר שיהו אחרונים כראשונים גמולה

## ראוהו בית דין פרק שלישי

(ד׳כו) א **תניא** אמר רבי עקיבא כשהלכתי לערביא היו קורין לדכרא יובלא וא"ע כשהלכתי לגליא היו קורין לנדה גלמודה מאי גלמודה גמולה דא מבעלה ואמר ר"ע כשהלכתי לאפריקי היו קורין למעה קשיטה למאי נ"מ לפרושי (בראשית לג) מעה קשיטה דאורייתא מאה דנקי אמר (רב) [רבי] כשהלכתי לכרכי הים היו קורין למכירה כירה למנ"מ לפרושי (בראשית נג) אשר כריתי לי ארשב"ל כשהלכתי לתחום קן נשרייא היו קרין לכלה נינפי ולתרנגול שכוי לכלה נינפי מאי קראה (תהלים מה) יפה נוף משוש כל הארץ

---

גרעסערע צדיקים. אבער היינט אז די מענטשין זענען ניט אזוי שטארק פרום. איז גענוג פאר זיי אז די דיינים זענען פרימער פאר זיי :

ח פיסקא. פריער שטייט אז רבי יהושע האט גינומע זיין שטעקין און זיין געלט און איז גינאנגען צו רבן גמליאל. די רבנן האבין גילערנט ווי רבן גמליאל האט דער זעהן אז רבי יהושע איז גיקומען. האט זיך רבן גמליאל גישטעלט אויף זיינע פיס. און האט גיקושט רבי יהושע אויף זיין קאפ. און רבן גמליאל האט גיזאגט צו רבי יהושע פריד זאל זיין אויף דיר ווארום דוא ביסט מיין רבי און מיין תלמיד. דוא ביסט מיין רבי ווייל דוא האסט מיך גילערנט תורה צווישען פיל מענטשין. און דוא ביסט מיין תלמיד אז איך בין גוזר אויף דיר א גזרה ביסטו זיא מקיים גלייך ווי דוא וואלסט גיוועזן מיינער א תלמיד. וואוהל צוא דעם דור אז די גרעסערע פאלגין צו דיא קלענערע. ווערין דאך דיא קלענערע געווים פאלגין צו די גרעסערע :

## פרק שלישי

א תניא. מיר האבין גילערנט רבי עקיבא זאגט ווען איך בין גיגאנגען אין ערביא האב איך גיהערט אז מען האט גירופען צו איבר פון שעפסין יובלא. נאך האט גזאגט רבי עקיבא אז איך בין גיגאנגען אין גליא האב איך גיהערט אז מען האט גירופען צוא א נדה גלמודה. וואס איז טייטש גלמודה. גמולה דא מבעלה. די אשה איז אפ גישיידט פון איר מאן. נאך האט רבי עקיבא גזאגט אז איך בין גיגאנגען אין אפריקי האב איך גיהערט מען האט גירופען אויף א מעה. קשיטה. צוא וואס דער צייט אונז רבי עקיבא. מיר זאלין וויסען וואס אין דיא תורה שטייט מאה קשיטה. דאס איז מאה דנקי. ומעה. קשיטה. דנקי. דאס איז צוועלפע נעמען פון פאר צייטיגע מטבעות. רבי האט גזאגט ווען איך בין גיגאנגען אין דיא שטעט פון ים. האב איך גיהערט מען האט גירופען אויף מכירה ופאר קויפען כירה. צו וואס דער ציילט אונז רבי. מיר זאלען וויסען וואס אין די תורה שטייט אשר כריתי לי. איז כריתי דער טייטש קויפען. רבי שמעון בן לקיש האט גזאגט אז איך בין גיוועזן נאנט פון דעם ארט קן נשריא. האב איך גיהערט מען האט גירופען אויף אכלה נינפי. און אויף אהאן האט מען גירופען שכוי. אין וועלכין פסוק שטייט אז א כלה הייסט נינפי. יפה נוף משוש כל הארץ. דוד המלך האט גזאגט ירושלים איז שיין אזוי ווי א כלה. זי דער פרייט די גאנצע וועלט. אין וועלכין

**אולם**. מגדלה: כפותות. לבן חלקים: שכוי. כ׳ ראיתי ויסקף מתרגמין ולתרנגולא:
**ומעי פלניא**. גזלני פלוני: נמה קבעך. סיפא דקרא ולמרהם נמה קבענוך המעשר והתרומה אתם קובעים אותי:
**ובקי**. לפרקים שאינם נכנסים יחד:

הארץ ולתרנגול שכוי אמר ר״י א״ר אבע״א רבי יהושע בן לוי מ״ד (איוב לח) מי שת בטוחות חכמה (אלו כליות) או מי נתן לשכוי בינה זה תרנגול:

**ב** **לוי** איקלע לההוא אתרא אתא גברא לקמיה א״ל (סס ע״ב) קבען פלניא לא הוה ידע מאי א״ל אתא שאיל בי מדרשא א״ל גזלן אמר לך דכתיב (מלאכי ג) היקבע אדם אלהים גו׳ א״ל רבא זברניש לרב אשי אי הואי התם הוה אמינא ליה היכי קבעך במאי קבעך ואמאי קבעך וממילא הוה ידעינן ואיהו סבר מילתא דאיסורא קא״ל:

**ג** [לא הוו ידעי רבנן מאי סירוגין שמעוה לאמתא דבי רבי דחזתינהו רבנן דהוו עיילי פסקי פסקי אמרה להו עד מתי אתם נכנסין סירוגין וכו׳. (דף כז) א״ר שמואל בר יצחק כמאן מצלינן האידנא זה היום תחלת מעשיך זכרון ליום ראשון כמאן כר״א דאמר בתשרי נברא העולם]:

דף כח ע״ב) **ד** **מתיב** רב שמן בר אבא מנין לכהן שעולה לדוכן שלא יאמר הואיל ונתנה לי תורה רשות לברך ישראל אוסיף ברכה אחת משלי כגון (דברים א) ה׳ אלהי אבותיכם יוסף עליכם ת״ל (דברים ד) לא תוסיפו על הדבר:

והיה

---

פסוק שטייט אז אהאן הייכט שכוי. האט רב יהודה גזאגט פון רבס וועגן. אנדערע זאגע רבי יהושע בן לוי האט גזאגט. גאט האט גיפרעגט ביי איוב מי שת בטוחות חכמה. ווער האט גיטאהן חכמה אין דיא נירען פון מענטשין. או מי נתן לשכוי בינה. אדער ווער האט גיגעבן דעם האן פאר שטאנדיגקייט:

**ב** לוי איז אמאהל גיקומען אין א שטאט. איז גיקומען א מענטש פאר לוי. און הט גזאגט צו איהם קבען פלניא. האט לוי ניט געוואוסט וואס דער מענטש האט גזאגט צו איהם. איז לוי גיקומען אין בית המדרש און האט גיפרעגט וואס מיינט מען קבען פלניא. האט מען גזאגט צו לוי דער מענטש האט גימיינט גזלני פלוני. איינער האט ביי מיר גיגזלת. אוועק גינומען וואס איך האב גיהאט. אין פסוק שטייט אויך אזוי היקבע אדם אלהים. דארף דען א מענטש גזלנן ביי גאט. רבא פון ברניש הט גזאגט צו רב אשי ווען איך וואלט דארט גיוועזן. ווען דער מענטש וואלט צו מיר גזאגט קבען פלניא. וואלט איך איהם גיפרעגט ווי אזוי קבעך. מיט וואס קבעך. פאר וואס קבעך. ביז איך וואלט וויסען וואס קבען איז. און לוי האט גימיינט אז דער מענטש פרעגט אויף אזאך אויב דס איז אסור אדער מותר:

**ג** לא. די רבנן האבען ניט געוואוסט דעם טייטש פון דעם ווארט סירוגין. אמאהל הט די דינסט פון רבי גיזעהן די רבנן גייען אריין ביסלאכווייז. ניט אלע מיט אמאהל. האט זיא גזאגט צו די רבנן ביז ווי לאנג וועט איר אזוי גיין סירוגין סירוגין. ביסלאכווייז. האבען שוין די רבנן גיוואוסט אז סירוגין איז טייטש ביסלאכווייז. רב שמואל בר יצחק האט גזאגט ראש השנה אין דאווענען זאגען מיר זה היום תחלת מעשיך. והיינטיגער טאג איז דער אנהייב פון דיין ארבעט. זכרון ליום ראשון. ער איז א דערמאנונג צום ערשטען טאג. דאס איז אזוי ווי רבי אליעזר וואס ער זאגט אין תשרי איז די וועלט בשאפען גיווארין:

**ד** מתיב. רב שמן בר אבא האט גיפרעגט פון וואנען ווייסען מיר אז א כהן וואס גייט דוכנען זאל ניט זאגען וויל די תורה האט מיר גיגעבען רשות צו בענטשין די יודין וועל איך צו געבין מיינע א ברכה אויך. דהיינו איך וועל זאגען דער גאט פון אייערע עלטערין זאל מערין אויף אייך טויזענד מאהל אזוי ווי איר זענט. שטייט אין פסוק איר זאלט ניט מערין אויף די זאך וואס גאט הט גיבאטען. איר זאלט נאר זאגען די דריי פסוקים וואס עס שטייט אין די תורה אין די סדרה נשא:

והיה

(דף כט) **ה משנה** (שמות יז) והיה כאשר ירים משה ידו וגבר ישראל וגו' וכי ידיו של משה עושות מלחמה או שוברות מלחמה אלא לומר לך בזמן שמסתכלין ישראל כלפי מעלה ומשעבדין את לבן לאביהם שבשמים היו מתגברין ואם לאו היו נופלין כיוצא בדבר אתה אומר (במדבר כא) ויאמר ה' אל משה עשה לך שרף וגו' וכי נחש ממית או מחיה אלא בזמן שישראל מסתכלין כלפי מעלה ומשעבדין את לבם לאביהם שבשמים היו מתרפאין ואם לאו היו נמוקין:

לה' הארץ. כל המלאות: שקנה. שמים וארץ ב... והקנה. תבל ליושבי' בה כלומר קנה כדי להקנות: ושלט בעולמו. יחידי שלא נבראו המלאכים עד יום שני: שחילק מעשיו. והבדיל רקיע בין עליונים לתחתונים ונתעלה וישב במרום דהנמש בכמו בעירו והר קדשו: שגילה ארץ. יקוו מתג עדתו בכמו' ויאמר אלהים יקוו המים מתחת השמים אל מקום אחד ונראה כיבשה וגו' מאמר:

## יום טוב של ראש השנה פרק רביעי

(דף לא) **א תניא** רבי יהודה אומר משום רבי עקיבא בראשון מהו אומר (תהלים כד) לה' הארץ ומלואה תבל וישבי בה על שם שקנה והקנה ושלט בעולמו בשני מהו אומר (שם מח) גדול ה' ומהולל מאד וגו' על שם שחילק מעשיו ומלך עליהם (ונתעלה וישב במרום). בשלישי מהו אומר (תהלים פב) אלהים נצב בעדת אל על שם שגילה ארץ בחכמתו והכין תבל לעדתו

---

**ה** משנה. והיה. אין פסוק שטייט אז משה רבינו האט אויף געהויבן זיין האנט האבן די יודין זיך געשטארקט. אונ אז ער האט אראפ געלאזין די האנט האט זיך עמלק געשטארקט האבן דען די הענט פון משה געמאכט די מלחמה אדער צו בראכען די מלחמה. נאר מען מיינט ווען די יודין האבען גיקוקט צו גאט. אונ זיי האבען געגעבין זייערע הערצער צו גאט אז נאר גאט קען זיי העלפין. האבען זיי זיך געשטארקט. אונ ווען זיי האבען אפ געטאהן זייער האר זיכערונג פון גאט. זענען זיי געפאלען אין דער מלחמה. נאך אזוי אגלייכען זאגט דער פסוק גאט האט גיזאגט צו משה מאך דיר א בראנגעדיגען שלאנג. אונ זעץ איהם ארויף אויף א שטעקין. האט משה געמאכט א שלאנג פון קופער אונ האט איהם ארויף געזעצט אויף א הויכין שטעקין. אונ דער וואס פלעגט געביסען ווערין. אז ער האט דער זעהן דעם קופערנעם שלאנג. פלעגט ער בלייבען לעבין. קען דער שלאנג הרגנן אדער לעבעדיג מאכין: נאך ווען די יודין האבן גיקוקט צום הימעל. אונ זיי האבען געגעבין זייער הארץ צו גאט. זענען זייא געהיילינגט געווארין. אונ אויב ניט זענען זיי געשטארבין:

## פרק רביעי

**א** תניא. מיר האבען גילערונט רבי יהודה זאגט פון רבי עקיבאס וועגין דעם ערשטין טאג אין דער וואך וואס זאגט מען. לה' הארץ ומלואה תבל ויושבי בה. ווצו גאט איז די ערד אונ איר דער פילונג. די גאנצע וועלט אונ די וואס זיצען אין איהר. וויל זונטאג האט גאט בשאפען דיא וועלט ער זאל זי געבין צו די מענטשין. אונ ער אליין האט גיוועלטיגט אויף איר. ווארום די מלאכים זענען איצט דעם אנדערין טאג בשאפען געווארין. מאנטאג דעם אנדערין טאג אין דער וואך וואס זאגט מען. גדול יי' ומהולל מאוד. גאט איז גרויס אונ זייער גלויבט. וויל גאט האט צו טיילט זיינע מעשים. דער הימעל האט געמאכט אצווישען שייד. די אויבערשטע זאלען זיין באזונדער. אונ גאט האט געקיניגט אויף זייא. אונ ער האט זיך געזעצט אין הימעל. נדער נאך האט גאט געמאכט רוהען זיין הייליגקייט אין בית המקדש וואס אין די שטאט ירושלים. אזוי ווי אין דעם קפיטל שטייט. דעם דריטען טאג אין דער וואך וואס זאגט מען. אלהים נצב בעדת אל. גאט שטייט צווישען די ריכטערס. וויל דינסטאג האט גאט באוויזען די ערד מיט זיין קלוגשאפט. ואזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט די וואסער זאל ווערין פאר זאמעלט אויף איין ארט. אונ דיא ערד זאל געזעהן ווערין. אונ ער האט אנגיברייט אוועלט פאר זיינע מענטשין. אונ דיינים זאלין משפטין די מענטשין

בברא חמה . בה': שברא עופות ודגים לשבח לשמו . כשאדם רואה עופות משונים זה מזה נותן שבח למי שבראם : ליום שכולו שבת . שעתיד העולם להיות חרב ואין אדם וכל המלאכות בטלות על אותו יום אומר שיר של שבת : מה ראה ר' עקיבא לחלק בין הפרשיות הללו . בכל בשם ימים שאמרים הפסוקים הללו ע"ש שעבר ושל יום שבת אומר ע"ש לשבת : וקמפלגי בדרב קטינא . ר' נחמיה לית ליה דרב קטינא הלא דהכי הילכך ליכא למימר

לעדתו . בד' מהו אומר (שם לד) אל נקמות ה' אל נקמות הופיע על שום שברא חמה ולבנה ועתיד ליפרע מעובדיהן בה' מהו אומר (שם פא) הרנינו לאלהים עוזנו הריעו לאלהי יעקב על שם שברא עופות ודגים לשבח לשמו . בששי מהו אומר (שם נג) ה' מלך גאות לבש על שם שגמר מעשיו ומלך עליהם . בשבת מהו אומר (שם נב) מזמור שיר ליום השבת ליום שכולו שבת . אמר רבי נחמיה וכי מה ראה ר' עקיבא להלק בין הפרקים הללו אלא בראשון שקנה והקנה ושלם בעולמו . בב' שחילק מעשיו ומלך עליהם (ונתעלה וישב במרום) . בשלישי שגילה ארץ בחכמתו והכין תבל לערתו . ברביעי שברא חמה ולבנה ועתיד ליפרע מעובדיהם . בחמישי שברא עופות ודגים לשבח לשמו . בששי שגמר מעשיו ומלך עליהם . בשבת על שום ששבת . וקמיפלגי בדרב קטינא דאמר רב קטינא שיתא אלפי שנין הוי עלמא וחד חרוב שנאמר (ישעיה ב) ונשגב ה' לבדו וגו'. אביי אמר תרי חרוב שנאמר (הושע ו) יחיינו מיומים

בטוספי

---

מענטשין . דעם פערטין טאג אין דער וואך וואס זאגט מען . אל נקמות יי אל נקמות הופיע גאט וואס דוא ביסט אבעל נקמה . גאט בעוויז דיין נקמה צו דיינע פיינד) . ווייל מיטוואך האט גאט בשאפען די זוהן מיט די לבנה . אונ גאט וועט טאהן אנקמה אונ וועט שטראפין די וואס דינען צו די זוהן אונ צו די לבנה . דעם פינפטען טאג אין דער וואך וואס זאגט מען . הרנינו לאלהים עוזנו הריעו לאלהי יעקב . איר זאלט זינגען אונ לויבין צו גאט וואס ער איז אונזער שטארקייט . איר זאלט בלאזין מיט אשופר צו דעם גאט פון יעקב) . ווייל דאנערשטאג האט גאט בשאפען עופות אונ פיש . וואס דורך זיי לויבין מענטשין צו גאט . אז מען זעהט שיינע עופות אונ שיינע פיש לויבט מען צו גאט וואס ער האט זיי בשאפען . דעם זעקסטען טאג אין דער וואך וואס זאגט מען . יי מלך גאות לבש . (גאט האט געקיניגט אונ האט אן גיקליידט גרויסקייט) . ווייל פרייטאג האט גאט גיענדיגט די גאנצע בשאפונג פון דער וועלט . אונ האט געקיניגט אויף זיי . דעם זיבעטין טאג אין דער וואך וואס זאגט מען . מזמור שיר ליום השבת . ווייל עס וועט אמאהל זיין אצייט וואס עס וועט זיין אין גאנצין שבת . די וועלט וועט וויסט ווערין אונ עס וועט ניט זיין קיין מענטש ווערין אלע ארבעט אויף הערין . הט רבי נחמיה גיזאגט וואס האט רבי עקיבא גיזעהן אין דעם פסוק מזמור שיר ליום השבת וואס ער טיילט איהם אפ פון די פריערדיגע קאפיטלאך וואס מען זאגט אלע וואכען טעג . די קאפיטלאך פון די זעקס טעג וועלען גיזאגט גיווארין אויף דיא ערשטע זעקס טעג וואס גאט האט בשאפען די וועלט . אונ דער קאפיטל פון דעם זיבעטין טאג זאל גיזאגט ווערין אויף די צייט וואס די וועלט וועט וויסט ווערין . נאר די אלע זעקס טעג ווערט גיזאגט אזוי ווי פריער שטייט . אונ שבת זאגט מען מזמור שיר ליום השבת . ווייל גאט האט גירוהט אום שבת . אונ רבי עקיבא מיט רבי נחמיה קריגען אין דעם וואס רב קטינא האט גיזאגט . וארום רב קטינא האט גיזאגט זעקס טויזנד יאהר וועט זיין די וועלט . אונ איין טויזנד וועט זיין וויסט . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט וועט גיהויכט ווערין אליין אין דעם טאג . אונ א טאג פון גאט איז טויזנד יאהר . אביי זאגט צוויי טויזנד יאהר וועט זיין דיא וועלט וויסט . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ער וועט אונז לאזין לעבין פון צוויי טעג . אונ צוויי טעג פון גאט איז צוויי טויזנד יאהר . רבי נחמיה האלט אזוי ווי אביי . אז צוויי טויזנד יאהר דאס איז צוויי טאג פון גאט וועט זיין די וועלט וויסט (שבת) . דריבער קען מען ניט זאגין אז יום שכולו שבת מיינט מען דער טאג וואס וועט זיין שבת . עס וועט דאך זיין צוויי טאג שבת . נאר מען מיינט דעם ערשטין שבת וואס איז גיוועזין ווען גאט האט בשאפען דיא וועלט .

(במוספי דשבתא מה היו אומרים אמר רב חנן בר רבא אמר רב הזי"ו ל"ך) :

**ב אמר** (רבי) [רב] יהודה בר אידי אמר רבי יוחנן עשר מסעות נסעה שכינה מקראי וכנגדן גלתה סנהדרין מגמרא י' מסעות נסעה שכינה מקראי מכפורת לכרוב ומכרוב לכפתן ומכפתן לחצר ומחצר למזבח וממזבח לגג ומגג לחומה ומחומה לעיר ומעיר להר ומהר למדבר וממדבר עלתה וישבה במקומה שנאמר (הושע ה) אלך אשובה אל מקומי מכפורת לכרוב ומכרוב למפתן דכתיב (שמות כה) ונועדתי לך שם ודברתי אתך מעל הכפורת וגו' וכתיב (יחזקאל ט) וכבוד אלהי ישראל נעלה מעל הכרוב אשר היה עליו אל מפתן הבית ומכפתן לחצר דכתיב (שם י) וירם כבוד ה' מעל הכרוב על מפתן הבית וימלא הבית את הענן והחצר מלאה את נגה כבוד ה' ומחצר למזבח דכתיב (עמוס ט) ראיתי

את

על כל יום אחד שבלו שבת דלא קרי ליה : (במוספי דשבתא . מאי שיר אמרו : הזי"ו ל"ך . פ' שירת האזינו הולקים אותה לו' פרקים כאחשון האזינו השני זכור וגו' וכו') :

נסעה שכינה . לאסתלק מעל ישראל מעט מעט כבראשונה : מכפורת . שהיתה נגלית לשכון שם נסתלקה על א' מהכרובים שעשה שלמה שעומדין בארץ אחד נגד הארון וא' לדרום : למפתן . הבית : ומכפתן לחצר . העזרה בין האולם למזבח : ומהגג למזבח . כמו"ן : וממזבח לגג . ההיכל : ומגג לחומה . העזרה : ומחומה . העזרה : לעיר . לירושלים : ומהעיר להר . הזיתים וכל סלוקין כללו נפי האקום היה מסתלק ומגשה מיעוט : וירכב על כרוב ל"ג דהכא ביניה מגרים קאמר וה"נ מכפורת לכרוב ומכרוב למפתן דכתיב ונועדתי לך גו' וכתיב וכבוד אלהי ישראל נעלה מעל הכרוב אשר היה עליו אל מפתן הבית למדנו בתחלה עיקר שכינה היתה על הכפורת ובימי יחזקאל נסתלקה משם לכרוב ושהתה שם כמה ימים כדכתיב מעל הכרוב אשר היה עליו . ומשם למפתן וימלא הבית וגו' כיתפאל נסיב אחר סילוק מן הכרוב אל

---

און רבי עקיבא האלט אז די וועלט וועט נאר זיין זעקס טויזענד יאהר . דאס איז איין טאג שבת . דריבער קען מען מיינען יום שכולו שבת די לעצטע טויזענד יאהר . זאגט דיא גמרא וואס פלעגט מען זאגין שבת צו מוסף . האט רב חנן בר רבא גזאגט פון רבס וועגין מען פלעגט זאגין די סדרה האזינו . פון אנהייב ביז ויבא משה :

**ב** אמר . רב יהודה בר אידי האט גזאגט פון רבי יוחנן וועגין דיא שכינה האט אפ געצויגין פון בית המקדש ביסלאכווייז . אביסול געצויגין און געשטעלט . טאמער וועלין דיא יודין תשובה טאהן וועט זי צוריק גיין . נאך אביסול ווייטער געצויגין און געשטעלט . טאמער וועט מען איצט תשובה טאהן . אזוי האט די שכינה גיטאהן צעהן מאהל . דאס ווייסען מיר פון פסוקים . און די סנהדרין זענען אויך פאר טריבען געווארין אויף צעהן ערטער . דם ווייסען מיר פון דער גמרא . וועלכע זענען געוועזן די צעהן ערטער וואס די שכינה האט גיצויגין . פון כפורת אויף אכרוב וואס איז געשטאנען אויף די ערד נעבין ארון . וואס שלמה המלך האט גימאכט . פון כרוב צום שוועל פון היכל . פון שוועל ביז אין הויף צווישען דעם אולם און מזבח . פון הויף ביז אויף דעם מזבח . פון מזבח אויף דעם דאך פון היכל . פון דאך ביז אויף די מאהער פון די עזרה . פון די מאהער ביז צו די שטאט ירושלים . פון די שטאט ירושלים ביז צום הר הזיתים . פון הר הזיתים ביז צום מדבר . און פון דער מדבר איז די שכינה ארויף גיגאנגען צו איר ארט אין הימעל . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט זאגט איך וועל גיין און וועל מיך צוריק קערין צו מיין ערשטין ארט : פון וואנען ווייסען מיר אז די שכינה האט גיצויגין פון כפורת צום כרוב און פון כרוב צום שוועל . ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צו משה איך וועל מיך פאר זאמלען צו דיר דארט אין משכן און וועל ריידען מיט דיר פון כפורת . איז די שכינה גיוועזן אויף דעם כפורת . און עס שטייט אין פסוק דער כבוד פון גאט איז אפ גיטאהן געווארין פון כרוב וואס ער האט גירוהט אויף איהם . ביז צום שוועל פון היכל . זעהן מיר אז פון כפורת איז די שכינה גיקומען אויף דעם כרוב און פון כרוב איז זיא גיקומען צום שוועל . און פון וואנען ווייסען מיר אז די שכינה האט גיצויגען פון שוועל ביז אין הויף . ווארום עס שטייט אין פסוק דער כבוד פון גאט האט זיך אויף גיהויבין פון כרוב און איז גיקומען אויף דעם שוועל פון שטוב . איז די שטוב פול געווארין מיט אוואלקין . און דער הויף איז פול געווארין מיט די ליכטיגקייט פון כבוד פון גאט . און פון וואנען ווייסען מיר

אז

את ה' נצב על המזבח וממזבח לגג דכתיב (משלי כה) טוב שבת על פנת גג ומגג לחומה דכתיב (עמוס ז) והנה ה' נצב על חומת אנך ומחומה לעיר דכתיב (מיכה ו) קול ה' לעיר יקרא ומעיר להר דכתיב (יחזקאל יא) ויעל כבוד ה' מעל תוך העיר ויעמוד על ההר ומהר למדבר דכתיב (משלי כא) טוב שבת בארץ מדבר וממדבר עלתה וישבה במקומה שנאמר (הושע ה) אלך אשובה אל מקומי עד אשר יאשמו:

ג **אמר** רבי יוחנן ששה חדשים נתעכבה שכינה לישראל במדבר שמא יחזרו בתשובה ולא חזרו אמרה תיפח נפשן שנאמר (איוב יא) ועיני רשעים תכלינה ומנוס אבד מנהם ותקותם מפח נפש. וכנגדן גלתה סנהדרי גדולה נמרא מלשכת הגזית לחנויות ומחנויות לירושלים ומירושלים ליבנה (לקמן ע"ב) ומיבנה לאושא ומאושא ליבנה ומיבנה לאושא ומאושא לשפרעם ומשפרעם לבית שערים ומבית שערים לציפורי ומציפורי לטבריא וטבריא עמוקה מכולן שנאמר (ישעיה כט) ושפלת

מארץ

ממזבח: נצב על המזבח. ואע"ג דהאי קרא נמי קאמר ליה ועמוס מקמי יחזקאל דורות רבים מתנבא הוה על העתיד ועל כרחך כשיסלק השכינה היה דרך ילכה הוה: טוב שבת על פנת גג וגו'. על השכינה אמר שלמה טוב לה להסתלק אל הגג משבת עם אשת מדנים כנסת ישראל שהעמידה צלם בהיכל ובית חבר בית שחברו בו את הצלם עם השכינה: טוב שבת בארץ מדבר. ביופיה דקרא מאשת מדנים ובית חבר: עד אשר יאשמו. שיחזיקו עצמם אשמים: ומנוס אבד מנהם. מעולם נסתלק מהם: מלשכת הגזית לחנויות. חנויות עשו להם בהר הבית וישבו שם לומר אלא דנו דיני נפשות דחזו דנפישי רוצחים כדאמרינן בסנהדרין וכל הני גליות דסנהדרין דבית שני קאמר ומסעות דשכינה בבית ראשון: ומיבנה לאושא. כשהיה הנשיא דר בו היתה סנהדרין עמו וכשמסתלק הוא אל גם מקום אחר גולה הישיבה אחריו: יבנה. בימי ריב"ז: אושא. בימי ר"ג הזקן: וחזרו מאושא ליבנה. ובימי רשב"ג חזרו לא אשא כדתניא לקמן בפרקין ונתקדשו בית דין את החדש וכו': בית שערים וציפורי וטבריא. כולן בימי רבי היו כדאמרינן בסנהדרין הלך אחר רבי לבית שערים ושוב כשחלה הוליכוהו לצפורי כדאמרינן בכתובות וכטבריא היה בימי אנטונינוס: וטבריא עמוקה

---

אז די שכינה האט געצויגן פון הויף אויף דעם מזבח. ווארום עס שטייט אין פסוק איך האב געזעהן גאט שטייט אויף דעם מזבח. אונ פון מזבח איז די שכינה גיקומען אויף דעם דאך. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק עס איז בעסער צו זיצען אויף דעם ווינקעל פון דאך. ווי צו זיצען אין אשטוב מיט אווייב וואס איז אקריגערין. דאס מיינט מען ווי צו זיצען אין היכל מיט די יודין. וואס זיי זינדיגען. אונ פון דאך איז די שכינה גיקומען צו דיא מאהער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט שטייט אויף די מאהער. אונ פון די מאהער איז די שכינה גיקומען צו די שטאט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דער קול פון גאט וועט רופען צו דיא שטאט. אונ פון די שטאט איז די שכינה גיקומען צום הר הזיתים. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דער כבוד פון גאט איז אויף גיגאנגען פון די שטאט אונ האט זיך גישטעלט אויף דעם בארג. אונ פון בארג איז די שכינה גיקומען אין דער מדבר. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק עס איז בעסער צו זיצען אין דער מדבר. ווי צו זיצען מיט די יודין וואס זינדיגען. אונ פון דער מדבר איז די שכינה ארויף גיגאנגען צו איר ארט אין הימעל. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט זאגט איך וועל גיין אונ וועל מיך צוריק קערין צו מיין ערשטין ארט. ביז זיי וועלין ווייסען אז זייא האבען פאר שולדיגט אונ וועלין תשובה טאהן אויף זייערע זינד:

ג אמר. רבי יוחנן האט גזאגט זעקס חדשים האט די שכינה גיווארט אין דער מדבר אויף די יודין טאמער וועלין זיי תשובה טאהן. אונ זיי האבען ניט תשובה גיטאהן. האט דיא שכינה גזאגט זאלען זיי פאר טרויערט ווערין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דיא אויגין פון די רשעים וועלין פאר לענדט ווערין אונ זייער שטארקייט וועט פאר לארין ווערין פון זיי אונ זייער האפענונג וועט זיי טרויעריג מאכען. ווארום אז אמענטש האפט אויף אזאך אונ די זאך קומט ניט ווערט ער טרויעריג. פריער איז גישטאנען אז די סנהדרין זענען פאר טריבען גיווארין אויף צעהן ארטער. וועלכע זענען די צעהן ארטער. פון לשכת הגזית אין חנויות. אונ פון חנויות אין ירושלים. פון ירושלים אין יבנה. פון יבנה אין אושא. פון אושא צוריק אין יבנה. אונ פון יבנה צוריק אין אושא. פון אושא אין שפרעם. פון שפרעם אין בית שערים. פון בית שערים אין צפורי. פון צפורי אין טבריא. אונ אין טבריא זענען דיא

סנהדרין

מארץ הדברי ומעפר תשח אמרתך . רבי אלעזר אומר ששה גליות גלו שנאמר (שם כו) כי השח יושבי מרום קריה נשגבה ישפילנה ישפילה עד ארץ יגיענה עד עפר (וכתיב (שם) תרמסנה רגל רגלי עני פעמי דלים) אמר רבי יוחנן ומשם עתידין ליגאל שנאמר (שם נב) התנערי מעפר קומי שבי ירושלים :

מלוכה . שפלים סין אז מכל המספרים שגלו : ו גליות . הסת הדל : יכפילנה . תר' : יספילנה הלם : עד ארץ . ד' : יגיעוה . תמם : עד עפר . סם דמלי למימר ישפילה עד ארץ לעפר :

ד תניא כל שנותיו של ריב"ז ק"כ שנה היו . מ' שנה עסק בפרקמטיא . מ' שנה למד , מ' שנה לימד . כתיב במקוכות אחרים שהלל גם כן היו שנותיו ק"כ וגם ר' עקיבא ארבעים שנה עסק בפרקמטיא וכו' ובסוף ק"כ נהרג על קדוש השם יתברך :

(דף לג) ה תנו רבנן מנין שאומרים אבות שנאמר (תהלים כט) הבו לה' בני אלים ומנין שאומרים גבורות שנאמר הבו לה' כבוד ועוז . ומנין שאומרים קדושת השם שנאמר הבו לה' כבוד שמו . ומנין שאומרים מלכיות זכרונות ושופרות (תניא) ר"א אומר דכתיב (ויקרא כג) שבתון זכרון תרועה מקרא קדש . שבתון זה קדושת היום . זכרון אלו זכרונות תרועה אלו שופרות . מקרא קדש קדשהו בעשיית מלאכה . ומנין שאומרים מלכיות

תניא

---

סנהדרין געווען נידעריגער וויא אין אלע ארטער . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוא וועסט זיין גידעריג פון דער ערד וועסטו ריידין . אונ פון דער ערד וועט זיין איינגיבויגין דיינע רייד דאס דוא וועסט זאגין . רבי אלעזר זאגט אין זעקס ארטער זענען די סנהדרין פאר טריבען גיווארין . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק די וואס זענען גיזעסען אין דער היך אין די שטארקע שטאט האט זיי גאט איינגיבויגין . דער נידערט . דער נידערט . ביז די ערד . גינרייכט ביז צו די ערד . רבי יוחנן זאגט אז זיי וועלין שוין זיין גאנץ נידעריג . וועלין זיי גאנץ נידעריג . ביז צו די ערד . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק שאקיל אפ פון דיר די ערד אונ שטיי אויף דו אויס גילייזט ווערין . גיפאנגענע ירושלים :

ד תניא . מיר האבין גילערונט רבן יוחנן בן זכאי האט גילעבט הונדערט מיט צוואנציג יאהר . פערציג יאהר האט ער גיהאנדילט . פערציג יאהר האט ער גילערונט פאר זיך . פערציג יאהר האט ער גילערונט מיט אנדערע . הלל האט אויך גילעבט הונדערט מיט צוואנציג יאהר . רבי עקיבא הט אויך גילעבט הונדערט מיט צוואנציג יאהר . פערציג יאהר הט ער גיהאנדילט . פערציג יאהר האט ער גילערונט פאר זיך . פערציג יאהר האט ער גילערונט מיט אנדערע . אין סוף הונדערט מיט צוואנציג יאהר איז ער גיהרגת גיווארין ווייל עס איז גיווען אגזירה מען זאל ניט לערנען תורה אונ ער האט גילערונט :

ה תנו רבנן . די רבנן האבין גילערונט פון וואנען ווייסען מיר אז מען דארף זאגין אין שמונה עשרה אבות . אברהם יצחק יעקב . ווארום עס שטייט אין פסוק הבו לה' בני אלים . איהר זאלט געבין צו גאט (איהר זאלט דער מאנען פאר גאט) אז איהר זענט די קינדער פון די שטארקע (פון דיא אבות) . אונ פון וואנען ווייסן מיר אז מען דארף זאגין אין שמונה עשרה די שטארקייט פון גאט . ווארום עס שטייט אין פסוק גיבט צו גאט כבוד אונ שטארקייט . זאגט אז כבוד אונ שטארקייט גיהער צו גאט . אונ פון וואנען ווייסין מיר אז מען דארף זאגין אין שמונה עשרה די הייליגקייט פון גאט אונ פון זיין נאמען . ווארום עס שטייט אין פסוק גיבט כבוד צוא גאטס נאמען . אונ פון וואנען ווייסין מיר אז מען זאגט ראש השנה אין שמונה עשרה מלכיות זכרונות שופרות . רבי אליעזר זאגט ווארום עס שטייט אין פסוק שבתון זכרון תרועת מקרא קודש . שבתון מיינט מען ער זאל זאגין דיא הייליגקייט פון דעם טאג . אתה בחרתנו . זכרון מיינט מען ער זאל זאגין זכרונות . אתה זוכר . תרועה מיינט מען ער זאל זאגין שופרות . אתה נגלית . מקרא קודש . דוא זאלסט רופען דעם טאג הייליג . זאלסט ניט טאהן קיין ארבעט אין דעם טאג . אונ פון וואנען ווייסין מיר אז מען דארף זאגין מלכיות . מיר האבען גילערונט

רבי

תניא רבי אומר (ויקרא י) אני ה' אלהיכם וכתיב בחדש השביעי [והיכן אומרה לקדושת היום תניא רבי אומר עם המלכיות אומרה מה מצינו בכל מקום ברביעית אף כאן ברביעית רשב"ג אומר עם הזכרונות אומרה מה מצינו בכ"מ באמצע אף כאן באמצע וכשקדשו בית דין את השנה באושא ירד ריב"ב לפני רשב"ג ועשה כרבי יוחנן בן נורי א"ל ר"ש לא היו נוהגין כן ביבנה ליום השני ירד רבי חנינא בנו של ר"י הגלילי ועשה כר"ע א"ל רשב"ג כך היו נוהגין ביבנה] אין פוחתין מי' מלכיות וכו'. הני י' מלכיות כנגד מי אמר רבי לוי כנגד י' הלולים שאמר דוד בספר תהלים הלולים טובא הוו הנך דכתיב בהו (תהלים קנ) הללוהו בתקע שופר. רב יוסף אמר כנגד עשרת הדברות שנאמרו לו למשה בסיני ר' יוחנן אמר כנגד עשרה מאמרות שבהן נברא העולם מאי נינהו אילימא ויאמר ויאמר דבראשית הני ט' הוי בראשית נמי מאמר הוא דכתיב (שם לג) בדבר ה' שמים נעשו (תניא אין פוחתין מעשרה מלכיות מעשרה זכרונות מעשרה שופרות ואם אמר ז' מכולן יצא כנגד שבעה רקיעין רבי יוחנן בן נורי אמר הפוחת לא יפחות מז' ואם אמר שלשה מכולן יצא

כנגד

(ירד ריב"ב לפני התיבה . לפני המלוה להתפלל במקום נמוך קהני ירד : ר"י בן נורי . יפסיקין : לא כך היו נוהגין ביבנה . לפני אלא בשקיעה מכלרין הם : הנך דכתיב בהו הללוהו

---

רבי זאגט עס שטייט אין פסוק אני יי אלהיכם בחודש השביעי . דאס לערונט אונז אז דעם זיבעט' חודש . ראש השנה . דארפין מיר זאגין אז יי איז אונזער גאט אונ אונזער מלך . זאגט די גמרא ווא זאגט מען אתה בחרתנו . רבי זאגט ער זאל זאגין אתה בחרתנו צו זאמען מיט די פסוקים פון מלכיות אזוי וויא מיר געפינען אלע מאהל איז אתה בחרתנו די פערטע ברכה . אום ראש השנה דארף אויך זיין אתה בחרתנו די פערטע ברכה . רבן שמעון בן גמליאל זאגט מען זאל זאגין אתה בחרתנו צו זאמען מיט דיא פסוקים פון זכרונות . אזוי וויא מיר געפינען אלע מאהל איז אתה בחרתנו די מיטעלסטע ברכה . אזוי אום ראש השנה דארף אויך זיין אתה בחרתנו די מיטעלסטע ברכה . ווען בית דין האבן געהייליגט דעם יאהר וויא האבן געמאכט ראש השנה אין אושא , האט רבי יוחנן בן ברוקה געדאווינט פאר דעם עמוד דעם ערשטין טאג ראש השנה . פאר רבן שמעון בן גמליאל . אונ ער האט געטאהן אזוי וויא רבי יוחנן בן נורי זאגט אין דער משנה . האט רבן שמעון געזאגט צו איהם אין יבנה פלעגט מען ניט אזוי טאהן דעם אנדערין טאג ראש השנה האט רבי חנינא בנו של רבי יוסי הגלילי געדאווינט פאר דעם עמוד . אונ ער הט געטאהן אזוי ווי רבי עקיבא זאגט אין דער משנה . האט רבן שמעון געזאגט צו רבי יוסי אזוי פלעגט מען טאהן אין יבנה . מען טאר ניט זאגין ווייניגער וויא צעהן פסוקים מלכיות . געגין וואס זאגט מען צעהן פסוקים מלכיות . הט רבי לוי געזאגט געגין די צעהן הלולים וואס דוד המלך האט געזאגט אין ספר תהלים . פרעגט די גמרא אין תהלים איז דאך דא אכצין הלולים . נאר מען מיינט געגין דיא צעהן מאהל הללוהו וואס דוד האט געזאגט אין לעצטין קאפיטל פון תהלים . רב יוסף זאגט די צעהן פסוקים מלכיות זאגט מען געגין די עשרת הדברות וואס גאט האט געזאגט צו משה רבינו אויף דעם בארג סיני . רבי יוחנן זאגט דיא צעהן פסוקים מלכיות זאגט מען געגין דיא צעהן זאג וואס מיט זיי איז באשאפין געווארין דיא וועלט . פרעגט די גמרא וואס מיינט מען די צעהן זאג . זאלין מיר זאגין מען מיינט די ויאמר'ס וואס שטייט אין דיא סדרה בראשית . עס שטייט דאך נאר ניין מאהל ויאמר . ענטפערט דיא גמרא דער ווארט בראשית איז גלייך וויא עס וואלט געשטאנען דער ווארט ויאמר . ווארום עס שטייט אין פסוק מיט די רייד פון גאט זענען די הימלען געמאכט געווארין :

תניא . מיר האבן געלערנט מען זאל ניט זאגין ווייניגער וויא צעהן פסוקים מלכיות . צעהן פסוקים זכרונות . צעהן פסוקים שופרות . אונ אויב ער האט געזאגט זיבען פסוקים פון אלע . איז אויך גוט . ווייל דאס איז געגין דיא זיבען הימלען . רבי יוחנן בן נורי זאגט דער וואס וויל זאגין ווייניג פסוקים . זאל ער זאגין ניט ווייניגער וויא זיבען פסוקים . אונ אויב ער האט

געזאגט

כנגד תורה נביאים וכתובים ואמרי לה כנגד כהנים לוים וישראלים . (שם ע"ב) פקדונות הרי הן כזכרונות כגון (בראשית כא) וה' פקד את שרה וכגון (שמות ג) פקוד פקדתי אתכם דברי רבי יוסי רבי יהודה אומר אינן כזכרונות . (תהלים כד) שאו שערים ראשיכם וגו' ויבא מלך הכבוד מי זה מלך הכבוד וגו' ושאו פתחי עולם ויבא מלך הכבוד מי הוא זה מלך הכבוד ה' צבאות הוא מלך הכבוד סלה ראשונה שתים שניה שלש דברי רבי יוסי רבי יהודה אומר ראשונה אחת שניה שתים וכו' ושוין במלך אלהים על גוים אלהים ישב וגו' שהיא אחת זכרון שיש בו תרועה כגון (ויקרא כג) שבתון זכרון תרועה אומרה עם הזכרונות ועם השופרות דברי ר' יוסי ר' יהודה אומר אינו אומרה אלא עם הזכרונות . תניא ותיקין היו משלימין אותה בתורה בשלמא זכרונות ושופרות איכא טובא אלא מלכיות תלת הוא דהויין (במדבר כג) ה' אלהיו עמו ותרועת מלך בו (דברים לג) ויהי בישרון מלך (שמות טו) ה' ימלוך לעולם ועד ואנן בעינן עשר וליכא אמר ר"ח ת"ש (דברים ד) כי ה' הוא האלהים אין עוד מלבדו מלכות דברי ר"י רבי יהודה אומר אינה מלכות) . בראש השנה אין אומרין בו הלל מאי טעמא אמר רבי אבהו אמרו מלאכי השרת לפני הקדוש ברוך הוא רבש"ע

מתקע שופר . הך דהללו אל בקדשו : ר"א דלחונה לחת כניכ שתים . מי זה מלך הכבוד לחי ממינלא : ולמן בעינן עשר . וה' מכן הורס דקאמר ר' יוסי

---

גיזאגט דריי פסוקים פון אלע איז אויך גוט . ווייל דאס איז קעגין תורה נביאים כתובים . אנדערע זאגין דאס איז נעגין כהנים לוים ישראלים . פקדונות איז אזוי ווי זכרונות אז מען זאגט די פסוקים וואס אין זייא שטייט דער ווארט פקד . למשל ער זאגט דעם פסוק וה' פקד את שרה . אדער ער זאגט דעם פסוק פקוד פקדתי אתכם . איז גלייך ווי ער וואלט זאגין פסוקים וואס אין זייא שטייט דער ווארט זכור . אזוי זאגט רבי יוסי . רבי יהודה זאגט פקדונות איז ניט ווי זכרונות . אז מען זאגט די פסוקים וואס אין זייא שטייט פקד . איז מען ניט יוצא פאר זכרונות זאגט די גמרא די ערשטע צוויי פסוקים שאו שערים ראשיכם וגו' ויבא מלך הכבוד מי זה מלך הכבוד . ווערט גירעכענט פאר צוויי מאהל מלכיות . אונ די אנדערע צוויי פסוקים ושאו פתחי עולם ויבא מלך הכבוד מי הוא זה מלך הכבוד ה' צבאות הוא מלך הכבוד סלה ווערט גירעכענט פאר דריי מאהל מלכיות . אזוי זאגט רבי יוסי . רבי יהודה זאגט דר ערשטער שאו שערים ויבא מלך איז איינס . אונ מי זה מלך הכבוד ווערט ניט גירעכענט . דער אנדערער שאו שערים ויבא מלך הכבוד איז אויך איינס . אונ מי הוא זה מלך הכבוד ווערט ניט גירעכינט . אונ ה' צבאות הוא מלך הכבוד . איז אויך איינס . איז דריי מאהל מלכיות . אונ דאס האלטין אלע אז דער פסוק מלך אלהים על גוים אלהים ישב . איז איין פסוק מלכיות . דר פסוק וואס אין אים שטייט זכרון אונ תרועה . דהיינו שבתון זכרון תרועה . קען ער זאגין דעם פסוק צוויי מאהל . איין מאהל מיט זכרונות אונ איין מאהל מיט שופרות . אזוי זאגט רבי יוסי . רבי יהודה זאגט דעם פסוק שבתון זכרון תרועה זאל ער נאר זאגין מיט זכרונות אונ ניט מיט שופרות . מיר האבין גילערנט די פרומע מענטשין פלעגין אויס לאזין מלכיות מיט א פסוק פון די תורה . זכרונות מיט א פסוק פון די תורה . שופרות מיט א פסוק פון די תורה . זאגט דיא גמרא זכרונות אונ שופרות איז דא פיל פסוקים אין די תורה . אבער מלכיות איז נאר דא דריי פסוקים אין די תורה . ה' אלהיו עמו ותרועת מלך בו . ויהי בישרון מלך . ה' ימלוך לעולם ועד . אונ די דרייא פסוקים זאגט ער פאר איין . דער נאך זאגט ער דרייא פסוקים פון כתובים . אונ דריי פסוקים פון נביאים . ווי קומט מען צו צעהענטין . דאס לעצטין פסוק מלכיות אין די תורה . האט רב חנא גיזאגט דער פסוק כי ה' הוא האלהים אין עוד מלבדו . דאס הייסט אויך מלכיות . אזוי זאגט רבי יוסי . רבי יהודה זאגט דאס איז ניט קיין מלכיות . זאגט די גמרא אום ראש השנה זאגט מען ניט הלל . פאר וואס . האט רבי אבהו גיזאגט די מלאכים האבין גיזאגט פאר גאט רבונו של עולם פאר וואס זאגין ניט די יודין פאר דיר שירה

אים

פנים כחורם):

רבש"ע מפני מה אין אומרים לפניך ישראל שירה בראש השנה וביום הכפורים אמר להם אפשר מלך יושב על כסא דין וספרי חיים וספרי מתים פתוחים לפניו וישראל אומרים שירה:

# סליק מסכת ראש השנה

אום ראש הַשָּׁנָה אונ יום כִּפּוּר . הָאט גָאט גְיזָאגְט צוּ דִיא מַלְאָכִים דֶער מֶלֶךְ זִיצְט אוֹיף דִי שְׁטוּהְל צוּם מִשְׁפָּטִין אונ דִיא בִּיכֶער פוּן דִיא לֶעבֶּעדִינֶע אונ דִי בִּיכֶער פוּן דִיא טוֹיטֶע זֶענֶען הָאפִין פאר אִיהם . קֶענֶען דֶען דִיא יוּדִין זָאגִין שִׁירָה דִי טֶעג פוּן ראש הַשָּׁנָה אונ יום כִּפּוּר: